STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07489

BEKANTE PARSHOYNEN

Zalman Wendroff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. ווענדראף.

בעקאנטע פארשוינען

הומאריסטישע ערצעהלונגען.

III באנד.

ווילנא – תרע״ב.

פערלאג „יהודיה״ ווארשא-ווילנא.

Знакомые

Юмористическіе разсказы

З. ВЕНДРОВА.

Печатано со стереотиповъ.

ВИЛЬНА,

Типографія Б. Ціонсона, Трокская ул. домъ 13.

אינהאַלטס-פערצייכניס:

1) אַ טעות.
2) דעם נגיד'ס מזל.
3) אַ גראַמאָפאָן.
4) די גרויסע גנבה.
5) פון שונאים—מחותנים.
6) אַריין געגאַרט אין זאַק.
7) אַ נסיון.
8) אַ ברידעלע דער טאָכטער.
9) דער בעל-תשובה.
10) אַ בעשערטער זיווג.
11) אַ געוועהנליכע געשיכטע.
12) אַ גוטער ברודער.
13) מאָטעל.
14) פיינוקע און מענדקע.

אַטָעוּת.

I.

יענעם יאָהר איז נימפעל סמעליאַרניק, וואָס האַלט דעם מיידאַן אין ליסטאָוויצער וואַלד, געבליבען אָהן אַ „רבי" צו זיינע בנים.

די איינציגע צייט צו דינגען אַ מלמד אַרויסצופאָהרען אויפ'ן ישוב, איז חול־המועד סוכות, און גראָד דאַמאָלס קען נימפעל ניט פאָהרען אין מקום אַריין, ווייל דאַמאָלס זענען די גאַנצע פערציג וויאָרסט פון ליסטאָוויצער וואַלד ביז'ן שטאָדט, פערגאָסען מיט אַ ים שיטערע און קלעפּיגע בלאָטע, וועלכע ס'איז ניט מיט אַ פוהר דורכצופאָהרען, ניט מיט די פיס דורכצוגעהן.

אַפילו אַ אינגעל, אַז עס ווערט ביי איהם געבוירען אָסיען־צייט, מוז מען וואַרטען מיט'ן ברית, ביז דער וועג וועט זיך שטעלען. —

איז געוועהנליך נעהמט נימפעל אַ מלמד צו זיינע בנים, ווען ער פאָהרט אויף ראש־השנה אין שטאָדט. קיין רעכטס קריגט מען אפילו דאַמאָלס נישט, נאָר וואָס דאַרף נימפעל? ער זאָל קענען געבען די „בייבאַקעס" אַ גוטען סטורבאַטש און פערטייטשען אַ שטיקעל לוח.

ז. װענדראָף.

אָבער אין יענעם יאָהר האָט ער אַזעלכען אויך ניט געקראָגען.

יעדער קלויזניק, יעדער פּאַטראָן, איז געוואָרען אַ גאַנצער יחסן בײַ זיך, קנעלען מיט בורילעס און עסען אַ קײַלעכדיג יאָהר קאַרטאָפעל אין פעלצלעך מיט זויער=מילך, דאַרפען זײ ניט פאָהרען פאַר פערציג וויאָרסט צו איהם אין וואַלד. מען קריגט די מציאה נעהנטער — בלאָזען זײ פון זיך.

שׂרות גאַנצע!

און אָהן אַ „רבי” איז גימפעל ווי אָהן אַ האַנד.

מילא, דערלאַנגען די בײַבאַקעס אין באַק קען ער שוין אַלײן; מיט אַ פּאָילע אַרויסטראָגען פאַר די בהמות, מיט אַ ביסעל האָלץ אָנהאַקען, אָדער מיטצוהעלפען אין סטאָליאַרנע, — קען מען זיך אויך אַנ׳עצה געבען, אָבער ווער עס זאָל פערטײַטשען אַ שטיקעל לוח, איז ניטאָ — האָטש צורײַס זיך!

פערלאָרען אין די געדיכטע פּאָליעסער וועלדער און אַרום=געריינגעלט מיט די גרויסע פינסקער זומפּען, אָבגעטהיילט מיט צוואַנציג וויאָרסט שלעכטען וועג פון נאָהנטסטען ישוב, און מיט פערציג וויאָרסט בלאָטעס פון שטאָדט, — איז גימפעל מיט זײַן הויז=געזינד, ווי אָבגעשניטען פון דער לעבעדיגער וועלט. עס טרעפט אָפט, אַז ער פערגעסט אפילו וועלכער טאָג ס׳איז הײַנט, אָדער ער ווײַס ניט ווען ראש חודש איז און דאַרף זיך היטען ניט אַ טעות צו האָבען אין די טעג, ווען עס קומט אוים יום=טוב.

אויף אַלײן אויפזוכען אין לוח איז ער אַ קנאַפּער בריה.

אותיות אַ סך און ווערטער — ווייניג. גייה דערגעה, וואָס דאָ טהוט זיך!

פון די בנים איז דאָך גאָר ניטאָ וואָס צו רעדען.

דער אַכצעהן=יאָהריגער פתריאל׳קע, וועלכען מען האָט

געוועז, ווען ביי איהם האט זיך שוין געשניטען א צאהנדעל אין מויל, קען נאך היינט אויך קיין עברי ניט, און די צוויי יורקעס, מענדקע און פייטעל, וואס פערטרייבען יעדען רבי פון שטוב, וועלען שוין, דוכט זיך, קיין אלף-בית אויך ניט קענען.

ביי דעם רבי אבער געהט עס ווי געשמירט, ער גיעט נאר א קוק אין לוח, זאגט ער אייך שוין ווען מען דארף ליכט בענשען, ווען ראש-השנה פאלט אויס, ווען מיר'ן האבען יום-כפור. ער קען אפילו זאגען, ווען אין ווילנא פערגעהט די זון.

אויף קיין יום-טוב פלעגט נימפעל ניט אנהויבען אזוי בעציי-טענם נאכצופרעגען זיך, ווי אויף ראש-השנה.

אויף ראש-השנה מוז מען פאהרען אין שטאדט, דארף מען זיך בעצייטענס פארבערייטען.

מען דארף זעהן, אז ווען זעליג-בער, דער הינקעדיגער, וועט קומען נייהען חאלאדייקעס פאר די בייבאקעס און ספאדניצעס פאר דאס ווייב און די מוידען, זאל ער מיטברענגען א מחזור, פינף היטלען – צוויי גרויסע און דריי קלענערע – א האלב-ויידענע פאטשיילקע פאר זיין שפרינצע'ן און דריי מוסלינענע פאר ציפען, פייגען און נעחע'ן.

מוידען, – פוטץ זיי ניט אויס אין עסיג און אין האניג וועלען זיי דיר די קאפ פערדרעהען!...

מען דארף בעצייטענס צוגרייטען די שטיוועל: א גאנץ זומער געהט מען בארפוסע, ווערען די שטיוועל פערטריקענט, דארף מען זיי עטליכע מאל גוט אויסשמירען מיט דזעגעכטץ, זיי זאלען ווייך ווערען... מען דארף אנשארפען די שער און אבשערען די בחורים די לאנגע פאטליעס, זיי זאלען ניט אויסזעהן, ווי די יורקעס, און

מאַלע וואָס מען דאַרף אַלץ אָבטהון פאַר אַ נסיעה אין שטאָדט אַריין אויף ראש־השנה.

איז דאָס אַלץ גוט, ווען ס'איז פאַראַן אַ רבי אין שטוב, וואָס קען שטענדיג זאָגען ווי פיעל וואָכען ס'איז נאָך געבליעבען ביז ראש השנה, אָבער דאָס יאָהר, אַז קיין רבי איז ניט געווען, האָט ג'מפּעל נאָך פון מיטען זומער אָנגעהויבען צו קראַצען די פּאַטעליליצע און פערזאָרגט פרעגען:

— ווען האָבען מיר דאָס היי־יאָהר ראָשעשאָנע, האַ?

און קוקט אויף כתריאל'קען, אַזוי ווי ער וואָלט פון איהם געוואַרט אַן ענטפער.

שמעלט כתריאל'קע אָן אַ פּאָר תם'עוואַטע אויגען, הויבט מיט אַלע פינף פינגער דעם לאַנגען נאָז, און פּרובט זיך טרעפען:

— אפשר אַ דריי צי פיער חדשים...

— „דריי צי פיער חדשים!" — קרימט ג'מפּעל איבער — ער'ט דיר אַ באָנצע טהון! שוין אפשר צוויי חדשים נאָך שבועות.

— אָט'ל איך דיר באַלד אויסרעכענען: פאַר פינף וואָכען איז געווען „ספּאַס אי מיקאָלאַ"... דער יריד אין זאַבאַלאָטנע וועט זיין איבעראַכטאָג מאָנטאָג, און דער יריד איז אַלע מאָל צוויי וואָכען פאַר... פאַר...

— אַ, דו, בורילע! גרויסער בייבאַק! ט'איהר געזעהן דעם חשבון, וואָס ער לאַדעוועט מיר דאָ אַוועקעט: אויפגעצעפּעט יורקע'ס חגא מיט, מיט, מיט ראָשעשאָנע!

— שאַ, וואָס פודושעסטו זיך אַזוי?! וויל וויסען ווען ראָשעשאָנע, און לאָזט זיך ניט ראַסטאָלקעווען!

— שווייג שוין, שווייג שוין בורילע? ערשט דאָס דיר אויסרעכענען, דער למדן מיינער!

און וואס נעהנטער ס'איז געקומען צו ראש-השנה, אלץ אומ-רוהיגער איז גימפעל געווארען.

נאר ביז אלול האט ער אלץ געהאפט, אז זעליג-בער דער הינקעדיגער וועט קומען נייהען חאלאדייק'עס מיט פלודערן פאר די בנים, וועט ער איהם שוין זאגען אקוראט, ווען ראש-השנה קומט אוים – חאטש א דארפישער שניידער, אבער פארט א איד, וואס דרעהט זיך צווישען די רייכסטע ישוב'ניקעס! – אבער אלול איז געקומען, איז שוין האלב אוועק, און פון זעליג-בער'ן הערט מען נית, ווי אין וואסער אריין. ניטא זעליג-בער! פיישע פאכטער, וואס האלט דעם פאכט אין קוצקעווע, צוואנציג ווירסט פון דאנען, איז אויך אויסגעבליבען מיט אויסגעדריבעלטע ארבעל אין זיין ליסטריגענער קאפאטע.

א פנים, פערטהאן ערגעץ ביי א פריץ, אדער, חלילה, נאר אוועקגעפאלען.

און אז עס איז געקומען שוין גאנץ נאהענט צו ראש-השנה און זעליג-בער האט זיך נית בעוויזען, האט גימפעל אראבגענומען פון דער אויבערשטער פאליצע דעם פערשטויבטען מחזור, ביי מחזור ארויסגענומען א געלב-געווארענעם לוח, פעררוקט די גרויסע היטעל אויפ'ן פאטעליצע, אבגעזיפצט און גענומען גריבלען זיך אין איהם.

פתריאל'קע האט אונטערגעשפארט ביידע באקען מיט זיינע צוויי קולאקעס, וואס זענען געווען גרויס, ווי א קאפ קרויט יעדערער, אנגעבלאזען די פליישיגע ליפען און נית אראבגענומען פון טאטען די אויגען, די גאנצע צייט, וואס דער טאטע האט געבלעטערט דעם לוח. מענדקע און פייטעל זענען האלב ארויפגעקראבען אויפ'ן טיש און א טונק געבענדיג אלע ווילע מיט א בלאטיגען פינגער

אין לוח אַרײַן, פלעגט דאָס אײנער, דאָס דער אַנדערער אויסשרײַען:

– אוי, אָט אַן־אַלף! אָט אַ גימל, אוי!..

און פון גרוים התפעלות אַ שטורכע טהון אײנער דעם צווײ־טען מיט די עלענבויגענס אין די זײַטען.

די צווײ קלענסטע–דער פינף־יאָהריגער חניקע און דער זיבען־יאָהריגער בערציק – זענען אויך געשטאַנען בײַם טיש, אײנער מיט אַ פינגער טיעף פערדרוקט אין נאָז, און דער צווייטער מיט דעם ברעג פון דער גראָבער, לײַװענטענער העמד צווישען די צײהן.

אַפילו די מוידען וואָס האָבען דאַבט זיך, – געפּאַרעט זיך הינטערען אויבען, האָבען אַלע ווײַלע אַרויסגעקוקט אויפ׳ן טאַטען, ווי ער זיצט און שוויצט איבער׳ן לוח.

פאַר יעדערען פון זײ איז די נסיעה אין שטאָדט געװען די גרעסטע געשעהעניש פון יאָהר, און זײ האָט זיך שוין גיכער געוואָלט וויסען, ווען דאָס וועט זײַן.

און גימפּעל האָט דערווײַל גענעצט דעם פינגער אָן די ליפּען, געמישט אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל און געצויגען:

– דאָס ניט... דאָס אויך ניט... שאבט... שבט... אָדר־וואָדער... ווײַטער... תמוז, באַלד זײַן... אָט־אָ! מיט די שעהלכלעך! דער רבי, פאַר אַ יאָהרען געזאָגט: אַ נקבה מיט שעלכלעך – תשרי!.. אָט־אָט־אָ וועלען מיר באַלד זעהן ווען מיר האָבען ראָשעשאָנע.

און נאָך לאַנגע מאַטערניש, שוויצעניש און טרעפעניש האָט גימפּעל אויסגעפונען, אַז ראש־השנה פאַלט אויס מיטוואָך און דאָנערשטאָג.

פון דאַמאָלס אָן האָבען זיך אָנגעהויבען די לעצטע הכנות צו דער נסיעה: די בחורים האָבען געשמירט די שטיוועל מיט

דזשענעכטס, ציפע, פיינע און נעחע, האבען אלע טאג געשייערט די פערהארעוועטע העמד מיט זאמד און געוויקט זיי פאר'ן שלאף אין הייסע וואסער, שפרינצע האט ארויסגענומען גימפעלים פאראדנע העמד, וואס מיט דעם „וויצענעס" קאלנער און ארבעל, און האט צוגענייהט צום קאלנער נייע שנירלעך, גימפעל מיט בתריאלקע'ן האבען פערריכט דעם וואגען, געשמירט די רעדער, געלאטעט דעם האמוט מיט'ן צרעזסידעלניק, הכלל, ס'האט זיך גערודערט.

און אנפאקענדיג דעם וואגען מיט וויב און קינדער, מיט געבונדענע כפרות און מיט גרויסע צימעס-טעפ און יוך-טעפ, האט מען זיך דינסטאג א שטיק פארטאג געריהרט אין וועג.

II.

דער עולם איז געשטאנען אויפ'ן בריק צו תשליך, ווען פון וויטענס האט זיך בעוויזען א אנגעלאדעוועטע פוהר.

חידושט מען זיך: ווער קאן דאס איצט אריינפאהרען אין שטעדטעל? די פויערים צוואנציג מייל ארום וויסען, אז היינט איז דער אידישער „סטראשני דיען", און ווילען אין שטעדטעל אומזיסט ניט קומען. קיין פריץ איז דאס אויך ניט: א פריץ פאהרט ניט אויף אזא דראבינע, ניט אנדערש, אז דאס פיהרט מען אנ'עטאפ ארעסטאנטען אין היגען אסטראג אריין.

אט געהען צוויי פון די זייטען און אויף די פעקלעך אין וואגען זיצען וויבער — ארעסטאנטקעס מן הסתם.

נאר וואס נעהנטער דער וואגען איז געקומען, אלץ מעהר האבען זיך ביים עולם אויסגעצויגען די פנימ'ער, אלץ מעהר פערוואונדערט און דערשראקען האבען זיי געקוקט אויף דער פוהר.

ז. װעֶנדראָף.

– רבּוֹנו־שֶׁל־עוֹלם! װאָס טהוט זיך דאָ?! דאָס זעֶנעֶן דאָך יודעֶן!

און װיפיעל מעֶנשעֶן עֶס זעֶנעֶן ניט געֶשטאַנעֶן אויפ׳ן בּריקעֶל און אַרום בּריקעֶל, האָבּעֶן זיך אַלעֶ אַלאָז געֶטהון אַנטקעֶגעֶן פוהר, די איגלעֶך לויפעֶנדיג פאָראויס מיט אַ הוראַ.

גימפּעֶל, װאָס איז אַבּיסעֶל צוטומעֶלט געֶװאָרעֶן, װי נאָר עֶר האָט פון װײַטעֶנס דעֶרזעֶהן אַזוי פיעל מעֶנשעֶן, האָט, איצטעֶר, װעֶן דעֶר עולם האָט זיך אַלאָז געֶטהון צו איהם, – אינגאַנצעֶן אָבּ־געֶשטעֶלט דעֶם פעֶרד, און אַרויסלאָזעֶנדיג די לײַצעֶס פון האַנד, איז עֶר געֶשטאַנעֶן אָנגעֶשפּאַרט אויפ׳ן לאַנגעֶן בּײַטש־שטעֶקעֶל, און מיט װילדעֶ, צושראָקעֶנעֶ אויגעֶן געֶקוקט אויף דעֶר גרויסעֶר עדה אידעֶן, װאָס קומעֶן אַלץ נעֶהנטעֶר און נעֶהנטעֶר, װאַרפעֶנדיג מיט די פּאָלעֶס פון די לאַנגעֶ קאַפּאָטעֶס, און אויף די איגלעֶך, װאָס פעֶרהילכעֶן די גאַס מיט זײַעֶרעֶ קולות און קװיטשעֶרײַ.

געֶװאַלד, װאָס טהוט זיך דאָ?! װאוהין איז עֶר פעֶרפאָהרעֶן? דוכט זיך בּלאָטוסעֶק? אָט איז די בּאָד, אָט איז דעֶר מאַרק...

בּתריאל׳קעֶ, װאָס איז די גאַנצעֶ צײַט געֶגאַנגעֶן פון צװײַטעֶן זײַט װאָגעֶן, האָט אָנגעֶבּויגעֶן דעֶם קאָפּ, אַזוי װי עֶר װאָלט זיך געֶקליבּעֶן בּעֶהאַלטעֶן אונטעֶר׳ן װאָגעֶן, בּײַ דעֶר עֶרשטעֶ געֶפאַהר.

ציפּעֶ, פײַגעֶ און נעֶחעֶ, װאָס האָבּעֶן שוין אַראָבּגעֶנומעֶן פון די קעֶפּ די רויטעֶ קרעֶטאָנעֶנעֶ טיכלעֶך און אָנגעֶטהון װײַסעֶ, מוסלינעֶנעֶ, פון װעֶלכעֶ זײַעֶרעֶ פעֶרבּרעֶנטעֶ און גלאַנציגעֶ פּנים׳עֶר, װאָס זעֶנעֶן געֶװעֶן אַרומגערינגעֶלט מיט אַ װײַסעֶר ראַם ניט פעֶר־בּרעֶנטעֶ הויט בּײַם שטעֶרעֶן און די אויעֶרעֶן, האָבּעֶן נאָך בּולט׳עֶר אַרויסגעֶקוקט, – האָבּעֶן, דעֶרזעֶהעֶנדיג אַזוי פיעל מאַנסבּיל מיט אַמאָל, צוגעֶטוליעט זיך אײַנעֶ צו דעֶר צװײַטעֶר... די קלײַנװאַרג האָבּעֶן זיך צורעֶװעֶט אויפ׳ן קול: – „מאַמעֶ־עֶ!״...

און איידער גימפּעל האָט נאָך צייט געהאַט צו פֿערשטעהן, וואָס דאָ טהוט זיך, איז ער שוין געוועזן אַרומגערינגעלט פֿון דעם גאַנצען עולם, וואָס האָט איהם געצופּט, און געריסען, און געטריי־סעלט, און געשריען.

און פֿון דעם גאַנצען טומעל האָט גימפּעל נאָר אויסגעמאַכט איינצעלנע ווערטער:

– אַ־אַ־אַ... ראש־השנה... עוכר־ישראל... אַ־אַ־אי... גוי, משומד... אַ־אַ־אי... בפרהסיה, הו־הו־אַ־אַ... יום־טוב, ראש־השנה... או־או־אַ־אַ...

גימפּעל, בלייך ווי קאַלך, האָט זיך געוואָרפען פֿון איינעם צום צווייטען, געוואָרפען מיט די הענד, געטרייסעלט זיך און געוויינט:

– אידען... גאָט מיין עדות... אָט איז ער... דער מחזור, דער לוח מיין איך... אָט־אָ... וואָס רעוועט איהר, בייסטרוקעס!...– האָט ער זיך אַוואָרף געטהון צו די קינדער – אָט־אָ־אָ... אידען... האָט רחמנות... אידען!...

ערשט ווען דער עולם האָט זיך אַביסעל בערוהיגט, האָט מען אַ קוק געטהון אין גימפּעל'ס לוח און געזעהן, אַז דאָרטען שטעהט טאַקי: „ראש־השנה יום ד׳ ויום ה׳“.

דער לוח איז אָבער געוועזן אַ פּאָר דריי־יאָהריגער...

דעם נגידס מזל.

I.

אַנטקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: אַ גביר האָט דעם מזל. איז על פּי רוב, איז דאָס טאַקי אַ כּלל. ווארום וואָס איז שייך, — געלד ציהט צו געלד און מזל — צו מזל. נאָר פון דעסטוועגען איז פאַרהאַן אַ פּרט היוצא מן הכּלל.

אָט נעהמט, למשל, די מעשה מיט אריה־לייב וואָכערניק און מיט געציל פלעטניק.

וואָס, איהר האָט די מעשה ניט געהערט? אַ חידוש! די שטאָדט איז דאָך אויף געווען מיט דעם. איז דאָס אַביסעל געווען געלעכטער מיט חוכא ואיטלולא — אַ אמת'ע קאָמעדיע!

יאָ, איז וואו־זשע הייסט עס, האַלטען מיר? ביי געציל פלעטניק און אריה־לייב וואָכערניק.

איז זיך מיישב אָט דער געציל, וואָס פלעט, ווי איהר ווייסט, אַלע ערב־פּסח אַ ענדיק, און פלעט היינטיגען פאַר פּסח אַ קאַלב.

— אַ ענדיק, זאָגט ער, האָט אויפגעהערט צו נעהמען, וועל איך זיי געבען אַ קאַלב און זאָלען זיי זיך ווערגען מיט איהר.

נעהמט ער אַ רויטע קאַלב — אָבער אַ קאַלב! אַנ'אַכט־וואָכעג־

ה. ווענדראָך.

דינע טעלעצע!–לעגט זי אַרויף אַ געבונדענע אויף אַ טאַטשקע און פיהרט זי איבער'ן שטאָדט.

קומט צו אַ שטוב, לאָזט ער די טאַטשקע שטעהן אויפ'ן גאַס, געהט אַריין אין שטוב, ווי געציל'ס שטייגער איז, אַ ברוגזער, אָהן אַ „גוט מאָרגען" און האַקט אָב:

–היי־יאָהר אַ קאַלב... אוים ענדיק! אַ גריוועניק קאָסט עס... אַ גריוועניק אַ פלעט.

ווערט דער עולם טשיקאַווע און קוקט אַרויס דורכ'ן פענ־סטער. און אַז מען זעהט אַ קאַלב, אַן'אמת'ע לעבעדיגע קאַלב רעדט מען קיין צוויי ווערטער ניט און מען גיעט אַ פלעט.

וואָרום וואָס איז שייך אַ קאַלב פאַר אַ גריוועניק ניט וועלען?...

שפאַרט, מן הסתם, געציל אָן מיט זיין קאַלב צו אַריה־לייב וואָבערניק אויך.

ווייסען ווייס ער, אַז קיין פלעט וועט איהם אַריה־ליב ניט געבען: עס איז ניט דער איד, וואָס וועט אַרויסוואַרפען גריוועניקלעך אויף ספק, נאָר אָט, גאָר ניט, ער דאַרף זיך מיט איהם רייצען אַביסעל.

וואָרום דאָס ווייסט איהר דאָך, מן הסתם, אַז אַריה־לייב'ס קמצנות איז אַ שם־דבר, מען דערצעהלט אויף איהם, אַז שבת פטר'ט ער אָב מיט איין איי. דהיינו, ער קאָכט אָב אַ האַרטע איי, צושניידט דאָס אָבגעשיילטע אויף חלקים און זאָגט: „דאָס איז במקום פיש, דאָס – במקום לאָקשען, דאָס – „במקום צימעס"...

מילא, וואָס איז דאָ פאַרהאַן אַ סך צו בריַיען, – דאָס איז אַ איד, קאָטאָרי פערגינט זיך אַליין דעם ביסען ברויט ניט. די בי־ליגסטע אכילה – זאָגט ער – איז ווינטער, אָנצומאַכען קעזלעך פון שנעע, אויסטריקענען זיי אין אויבען, און דער מיט לעבען אַ גאַנ־צען זומער, ביז פרישען שנעע...

פון לײַטען געבען איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעדען. דער איד האָט זיך קײנמאָל ערגיץ ניט געלאָזען געפינען אפילו אויף שוה פרוטה אחת. אַ פשוט'ער אָרעמאַן אַפילו, וואָס געהט איבער די הײַזער און קלײַבט שטיקלעך ברויט, האָט געװײַכט זײַן טהיר. אַז ס'איז אַ אומזיסטער גאַנג–איהר פערשטעהט, צי נײן?

מײנט איהר, ער איז געװען אַ אַכזר? – חלילה! דאָרטען, וואו ס'האָט זיך געבעטען רחמנות איז קײן גרעסערער בעל־רחמנות פון איהם אויף דער וועלט ניט געװען. נאָר וואָס דען – אָהן געלד... למשל, אַ טרעהר לאָזען, צו העלפען מיט אַ זיפץ, מיט אַ קרעכץ–אָך, מיט'ן גאַנצען האַרצען! וואָרום דאָס האַרץ האָט איהם טאַקי באמת וועה געטהון, הן על צרת חברו, הן על צרת רבים, – נאָר געבען–דאָס האָט ער ניט געקענט; ממש ניט געקענט. ער האָט אפשר געוואָלט און ניט גע־קענט. אויף אַזוי ווײַט ניט געקענט, אַז ער פלעגט דאַרפען אויס־געבען אַ קערבעל פאַר זיך אַלײן, האָט מען געזעהן, אַז דעם מענשען געהט אוים דאָס חיות.

אַ חולאת אַזאַ רחמנא־לצלן!

דאָס װײַב זײַנע–נעהע האָט מען זי גערופען–איז דוקא געװען אַ שטיקעל אויסברענערקע בטבע, נאָר געה זײַ אַ אויסברענערקע בײַ אריה־לײב'ן!

אַז יענער האַלט זי אָט־אַזוי־אָ! אין קולאַק. מעהלט אײַך, זי האָט זיך געהאַט איהר אײגענעם קניפעל, נאָר למאי, כ'בעט אײַך, זאָל זי אויסגעבען פון איהר געלד, אַז דער מאַן איז אַ מיליאָנער אפשר פון צוואַנציג אלפים קערבלעך?...

יאָ, זיצט זיך, הײסט עס, אָט דער אריה־לײב אײנמאָל אַ נאָכ'ן דאַוונען, און עסט אָנבײַסען, ערשט עס שאַרט זיך אַרײַן געציל מיט אַ זײַטעל פאָראויס, ווי זײַן שטײגער איז, און שװײַגט:

אַז מען זאָגט. „אָנבײַסען" קענט איהר אודאי מײנען: בײגעל, פּוטער, אײער, אַ גלעזעל קאַווע, װי דער שטײנער איז בײ אַ מיליאָנער פון אַ צוואַנציג אלפים קערבלעך?–פע! ניט בײ אריה לײב'ן! אריה־לײב בענוגענט זיך מיט קאַרטאָפּעל און דוקא אין „פּעלצעלעך", וואָרום „פון שײלען – זאָגט ער – קומט דער קאַרטאָפּעל קײן געזונד ניט צו"...

אויפ'ן טיש איז אפילו געשטאַנען אַ שטיקעל פּוטער, אָבער דאָס איז נאָר געווען, ווי מען זאָגט – אויף פּראָקאָט: טאָמער געהט ווער אַרײן, זאָל מען מײנען, אַז אריה־לײב עסט קאַרטאָפּעל מיט פּוטער...

דערזעהן געצל'ען האָט זיך אריה־לײב פערקרימט: אַ איד ווײס, אַז ער האַלט ניט פון די נאַרישקײטען – און קריכט! דאָס קומט ער מיט מחזורים, דאָס – מיט חומשים, דאָס – מיט פּראָשעטענע לעפעל דאָס – מיט אַ מגילה, דאָס מיט זײן ערב־פּסח'דיגען ענדיק.

ניעט ער אַזוי אַ קוק אויף געצל'ען פון אונטער די געדיכטע בּרעמען און זעהט, אַז האָבען האָט ער נאָר ניט אין די הענד, מאַכט ער צו איהם:

– וואָס ווילסט דו עפּעס זאָגען גוטס, געציל?

– וואָס כ'וועל זאָגען? – מאַכט געציל, ווי זײן שטײגער איז, אָנגעבלאָזען און קוקענדיג אָן אַ זײט. – כ'וועל זאָגען, אַז איך וואָלט געהאַט אײער געלד, וואָלט איך געגעסען געשײלטע קאַרטאָפּעל און מיט פּוטער.

– חע, חע, ליג דו אײנער! נו, און וואָס פלעגסט דו עפּעס הײנטיגען פאַר פּסח?

– וואָס איך פלעג? אַ קאַלב פלעג איך – בורטשעט געציל,

און זײַן אײַנציגע אוינגל, וואָס ברענט, ווי אַ קויהל, שאַרט אַרום יעדעם ווינקעלע אין חדר.

— אַ קאַ־אַלב ?! — מאַכט אריה־לײַב פערוואונדערט, — עֶ, מוזט דו דאָך שוין זײַן אַ גאַנצער גביר. כ'האָב טאַקי געהערט, אַז דו האָסט אפשר דרײַ הונדערט קאַרבען געלד.

— הערט איהר, ר' אריה־לײַב, זאָלען מיר דאָס בײַדע דעם אײגענס האָבען, וואָס איך האָב ווענינער פון הונדערט רובל — ענטפערט געציל, כלומר'שט תמ'עוואַטע...

— הם... ווי קומסט דו צו אַ קאַלב, ווי?

— איהר מײנט, איהר זענט אײנער? ענטפערט געציל, ווי זײַן שטײגער איז, ברוגז און מיט אַ קשיה צוריק, — איהר זענט ניט קײן בן־יחיד בײַ מיר: פאַרהאַן אַ סך אזעלכע מינסקער פזרנים ווי איהר, וואָס אויף אַ ענדיק קען מען בײַ זיי אַ פּיאַטאַקעל ניט אַרויסרײַסען, קריכט מען פון הויט און מען קריגט אַ קאַלב...

— און אויף אַ קאַלב ניעט מען?

— צו מען ניעט אויף אַ קאַלב? וואָס דען? ווער וויל דאָס נישט געווינען אַ קאַלב אויף פסח?

— אַז מ'זאָל וויסען, אַז מ'וועט געווינען — מאַכט אריה־לײַב אַזוי פערטראַכט.

— ווער דען ט'געווינען? אודאי וועט די קאַלב אַרײַנפאַלען צו אַ ר' אריה־לײַב וואַכערניק, צו צדוק דער בעל־קאַראַבקע אָדער צו אַן'אַנדער גראָבע קישקע — שיפּעט געציל צווישען די צײהן.

נעהמט אריה־לײַב'ן אָן אַ מאָדנער חשק צו געבען אַ פּלעט. ער האַלט אפילו ניט פון די שטות'ערײַען, נאָר טאָמער — יאָ? איז דאָך אַ עבירה אַ גליק פון די הענד אַרויסצולאָזען; אַ קלײניגקײט דער יקרות אויף פלײש הײַנטיגען ערב־פסח! נעהמע זאָגט, אַז פלײש

אַלײן װעט מען הײַנטיגען יום־טוב מיט צװעלף גילדען ניט אָבפּטר׳ען, נאָר גלאַט אַרויסנעהמען אַ גריװניק מזומן געלד און אַװעקגעבען אויף „טאָמער", לאָזט זיך אויך ניט, – פּרובט ער זיך אָבשטופּען דעם יצר־הרע:

– דײַן קאַלב איז נאָך אודאי ניט געבאָרען געװאָרען, האַ, נעציל?

– און װאָס איז דאָס? – װײַזט נעציל אָן מיט׳ן האַנד צום פענסטער, קוקענדיג אין דער צװײטער זײַט, – גרעסער פון אײַער קדיש, און מעהר שׂכל פון איהם האָט דאָס אודאי...

מאַכט זיך אַריה־לײב ניט הערענדיג נעציל׳ס זידלערײַען און גיעט אַ קוק דורכ׳ן פענסטער.

דערזעהן די רויטע קאַלב אויפ׳ן טאַטשקע, איז ער אַ פּער־סמאַליעטער געװאָרען: ס׳איז דאָך אַנ׳אָקסעל ניט אַ קאַלב! װען אַזאַ שטיק זאָל אַרײַנפאַלען צו איהם אין די הענד, װעט איהם קלעקען פלײש ביז סאַמע ל״ג בעומר...

נאָר דאָך פּרובט ער זיך װעהרען געגען דעם נסיון:

– װאָס׳ל איך טהון מיט אַזאַ קאַלב? דרײַ מענשען... ס׳איז דאָך גענוג פאַר אַ געזינד...

– װאָס ט׳איהר טהון? – פרעגט נעציל איבער, – די פעלכעל פערקויפען, פיסלעך און דרעבעזגעס מיר אָבגעבען, דעם זאַדעק װעט ראָמאַנקע דער־גוי אָבקויפען...

– נו, נו, ער מאַכט שוין אַ חשבון... װילסט דו איך זאָל דיר טאַקי געבען אַ פלעט? – פרעגט אַריה־לײב, און װיל שוין, אַז נעציל זאָל איהם צורעדען.

נאָר געציל, װאָס האָט פײַנט די גאַנצע שטאָדט און אַריה־לײב׳ן מעהר פון אַלעמען, װערט מיט אַמאָל, מאָדנע גלײַכגילטיג, און ענטפערט קוקענדיג אויף דער סטעליע:

– מײַן דאגה... מ׳װעט אױסקומען אָן אײַך...

– מ׳נאַ! מ׳װעט געבען אַ אידען צו שטײַער אױף יום־טוב־װערט אַריה־לײב מיט אַמאָל אַ גוטער.

– מוחל די טובות! בורטשעט געציל.

נאָר אַריה־לײב הערט איהם שױן ניט.

גרונטעװענדיג עטליכע מינוט אין די פּלודערען, האָט ער אַרױסגעשלעפּט אַ לאַנגע בײַטעל, געמאַכט פון אַ אױסגעטריקענטען פּענכיר, און אַרױסנעהמענדיג פון דאָרטען צעהן אײַנציגע קאָפּיקעס, האָט ער זײ פּאַװאָלינקע און מיט ציטערענדיגע הענד איבערגעצעהלט אײנמאָל און נאָך אַמאָל, און נאָכדעם װי ער האָט מיט פערמאַכטע אױגען אַרױסגעצױגען אַ נומר פון געציל׳ס לאַנװענטענעם זעקעלע, האָט ער נאָך אַמאָל אױסגעצעהלט די צעהן קאָפּיקעס שױן געצל׳ען אין האַנד אַרײַן, זאָגענדיג דערבײַ:

– געדענק־זשע, געציל איך בעשטעל בײַ דיר די קעלבעל...

– מ׳װעט אײַך שױן אַרײַנשיקען! – האָט געציל װי אַ האַקע געטהון; אַ האַק געטהון מיט׳ן טהיר און איז אַװעקגעגאַנגען.

II.

פון דאַמאָלס אָן, האָט נעחע פון איהר מאַן אַ קאָפּיקע אױף פּסח ניט געקענט אַרױסקריגען.

– װאָס טױג דיר געלד? – האָט אַריה־לײב געטענה׳ט – מצה איז פאַרהאַן, בוריקעס־ראָסעל שטעהט אױך אַ פעסעל, קאַרטאָפעל האָסט דו? און פלײש – װעלען מיר אַזױ פיעל אױפעסען, ניט װי פיעל מיר װעלען האָבען.

– ט׳איהר געזעהן, אַ איד זאָל זיך אײַנרעדען אַ קינד אין

בויך?! – האָט נעכע איינגעטענה'ט – געגעבען אַ פּלעט אויף אַ קאַלב, מיינט ער, ס'איז שוין ביי איהם אין קעשענע.

– און דו, ווידער, דאַרפסט שטענדיג אויסלעגען צו בייזען – האָט אַריה-לייב געוואָרטשעט.

– לעגען זאָל מען דיך שוין אויפ'ן טהרה-ברעט, דו קאַרגער הונד! – ווערט נעכע אין כעס. – איינגערעדט זיך געווינסען, האָט ער זיך! גיעב האָטש אויף פיש, זאָל דיר גאָט געבען אַ גוטע קרענק, באַטע זיסער!

נאָר אַריה-לייב בלייבט ביי דאָס זייניגע:

– וואָס טויג דיר פיש, אַז דו וועסט האָבען אַזוי פיעל פלייש?...

– געזונד זאָלסט דו אַזוי האָבען, ווי דו וועסט האָבען פלייש – הערט נעכע ניט אויף צו שעלטען.

אָבער נעכע'ס אַ קללה איז שוין פאַר אַריה-לייב'ן קיין נייעס ניט, און ער ווערט ווייניג וואָס נתפעל פון דעם:

– אַ אידענע זאָל די וועלט זיין ווייניג. האָט אַ גאַנצען קאַלב אויף פסח, דאַרף זי נאָך פיש...

אַזוי האָט זיך אָנגעפיהרט צווישען זיי אַ באַטאַליע ביז אַ טאָג פאַר ערב-פסח. דאָ איז שוין נעכע אינגאַנצען אַרויס פון די כלים:

– גיעב שוין אַמאָל אויף פלייש, גיעב שוין! מיר'ן דאָך בלייבען אָהן פלייש אויף יום-טוב, וועלען מיר דאָך!

– און וואָסטו טהון מיט'ן קאַלב, וואָס? – וויל אַריה-לייב וויסען.

– טהו זיך אַ מיתה אָן, טאַטע זיסער! וואָסער קאַלב, אָקס דו איינער?! וואָסער קאַלב!? ער איז משוגע געוואָרען און נאַר:

ט'איהר געזעהן אַ איד זאָל כסדר: קאַלב, קאַלב, קאַלב, קאַלב!...

— מילא, אַז דו האָסט שוין געוואַרט אַזוי פיעל, וואַרט שוין נאָך אַ טאָג — וויל איהר אַריה־לייב איינשמועסען.

— אוי, וואַרטען זאָל מען אויף דיין נשמה, דו קאַרגער הונד! כ'וועל דאָך מאַרגען פאַר געלד אויך קיין פליישׁ ניט קריעגען.

— גלייכער! וואָרום וואו וואָלסט דו אַהינטהון — די קאַלב?

אָנשילטענדיג ווי פיעל ס'איז אין איהם אַריין, האָט נעחע אַ שפּיי געטהון און איז אַרויסגעלאָפען, אויסשרייענדיג אויפ'ן וועג:

— כ'וויים דיין מיין, דו קאָפּעיעטשניק! דו ווילסט איך זאָל אויסגעבען פון מיין געלד, אָבער ווי לאַנג קרענקסט דו, ווי לאַנג קרענקסט דו, ווי לאַנג כ'וועל פון מיינע ניט אָנריהרען!...

אַריה־לייב האָט דערווייל איינמאָל און נאָכאַמאָל געשיקט אויפזוכען געצל'ען, און פרעגען וואָס הערט זיך מיט'ן קאַלב, אָבער געציל איז ווי אין וואַסער אַריין.

ערשט ערב־פסח אין דער פריה, ווען אַלע האָבען שוין אָבגעגעסען די בולקע מיט מילך, — האָט זיך געציל אַריינגערוקט מיט אַ זייטעל צו אַריה־לייב'ן און נאָך פון שוועל אַ האַווקע געטהון:

— אַרויס מיט אַ קערבעל און נעהמט די קעלבעל!

— געוואונען?! — האָט זיך אַריה־לייב צו איהם אַ וואָרף געטהון — נעחע, נעחע! געה נעהם צו די קאַלב!

— פּאַוואָלי ווי איהר נעהמט זי — האָט איהם געציל פערשטעלט דעם וועג קודם אַ קערבעל אַהער!...

אַריה־לייב איז געווען אַזוי צעפּלאַמט פון דער שמחה, אַז ער האָט זיך אפילו פערגעסען צו דינגען, און מיט ציטערדיגע הענד

האָט ער איילענדיג אַרויסגענומען פון פענבער=בײַטעל אַ פערשמאָל=צענעם פאַפּירענעם רובל און איבערגעגעבען עס געצל'ען.

– גיעב=זשע אהער דאָס קאַלב.

– איהר מעגט זיך אַליין מטריח זײַן און נעהמען זי – האָט געציל אַ וואָרטשע געטהון און איז אַרויס.

ווען אַריה=לייב מיט נעחע'ן זענען אין אַ מינוט אַרום אַרויס פון שטוב, האָבען זיי געפונען געצעל'ן פאָרקענדיג זיך בײַ'ם קאַלב. זיי זענען גלײַך צוגעגאַנגען און געוואָלט נעהמען זי אויף די הענד ווי אַ טײַער קינד, און אַרײַנטראָגען זי אין שטוב, אָבער אין דער זעלביגער מינוט האָט זיך די קעלבעל, וועלכע געצעל האָט בע=פרײַט פון די שטריקלעך, אַ הויב געטהון אויף אַלע פיער, און פער=רײַסענדיג דעם קורצען ווײַדעל, האָט זי זיך, פײַל פון בויגען, גע=לאָזען איבער'ן גאַס, דריגענדיג מיט די דינע פיסלעך און פעררײַ=סענדיג דעם ווײַדעל נאָך העכער.

די ערשטע מינוט איז אַריה=לייב געבליבען שטעהן אַ צוטו=מעלטער, די הענד און פיס צושפּרײַט און דאָס מויל אָפען, נאָר באַלד איז ער צו זיך געקומען און כאַפּענדיג די פּאָלעס אין די הענד, האָט ער זיך געלאָזען נאָכ'ן קאַלב, שרײַענדיג:

– האַלט! האַלט!... חאַפּט זי!...

דערהערט „חאַפּט זי", האָט זיך דער עולם אַ שאָט געטהון פון קראָמען און הײַזער, און אַ לאָז געטהון זיך נאָך אַריה=לייב'ן, שרײַענדיג אין איין קול:

– חאַפּט! האַלט!...

אַריה=לייב איז געלאָפען נאָכ'ן קאַלב, נעחע – נאָך אַריה=לייב'ן, מענדיל, דער קדיש זײַערער – נאָך זיי בײַדען, דערנאָך קצב=יונגען, פוהרמאַנעס, קרעמער, דיענסט=מיידלעך און אַ חאָפּטע אינגלעך,

וואס האבען איינער ניט געוואוסט פון צווייטען און געהאלטען אין איין שרייען:

– חאפט! האלט!... חאפט איהם!... א גנב... פאושאר! סע ברענט!... וואו ברענט?... האלט, חאפט!...

אזוי האט זיך דער עולם געטראגען אין א ווילדען גאלאפ איבער'ן שטעדטעל, ביז די קאלב איז דריגענדיג און שפרינגענדיג אריינגעלאפען אין גוי׳אישען געסעל, און גלייך צו פעטראק דעם שוסטער אין הויפעל אריין.

א פערשוויצטער און פערסאפעטער, איז אריה־לייב דער ערשטער צוגעלאפען צום טהויער און האט געוואלט אריינלויפען אין הויף, – ערשט פעטראק אין לייווענטענע פלודערען און מיט א רימענדעל אויף די לאנגע און פעטע האהר, איז אויסגעוואקסען פאר'ן טהויער מיט א קאפול אין איין האנד און מיט א שוסטערישען העמערעל אין דער צווייטער האנד, און אויסשטעלענדיג די צו־בראסניעטע האריגע הארץ, האט ער אויפגעהויבען דעם העמערעל איבער'ן קאפ:

– קודי?! וואהין דו לויפסט? זשידעלע, טאטעלע, מאמעלע איי וויי!...

– מאיא טיעלאנאק... מיין טעלעצא... וויגראל או געצעליא... דאל פלעט נא פסח...–האט אריה־לייב געסאפעט.

– יא טיעבע דאם: וויגראל!... יא טיעבע דאם טעלעצע נא פסח!... איך געגעבען געצייל'ן נא פראקאט מיין טעלעצע... ער איך גוט נאדויעט אלעמען... ער א מאלאדיעץ, מיין סאסיער געצייל... אלעמען נארויעט... פאשלי וואן, זשידקי... אי געוואלד, מאמעלע טאטעלע!...

און ניט לאנג קלערענדיג, האט פעטראק פערהאקט דעם

ז. וועגדראָף.

מויעך גלייך אַריה־לייב'ן אונטער'ן נאָז.

בעגלייט פון דער האַפטע אינגלעך, און קצב־יונגען, איז אַריה־לייב אונטער אַ מורא־דיגען „הוראַ" אַוועק אַהיים אָהן דער קאַלב...

אַ גְרָאמָאפָאן.

I.

דאָס איז ביי בערציקין פעסט בעשלאָסען געווען, אַז אַ מתנה דעם טאַטען מוז ער ברענגען.

אָבזיין דריי יאָהר אין וואַרשאָ אויף אַ שטעלע, שרייבען אַהיים פון דעם כבוד, און פון דעם „פּאָטשאָט" און פון דעם אָנזעהן, וואָס ער האָט דאָ פון זיין בעל־הבית, בעריהמען זיך פאַר יעדען בן־עיר, אַז ער „וואַקסט", שיקען צו בעקאַנטע מיידלעך אין שטעדטעל קאַרטלעך מיט פּאָטאָגראַפיעס, אויף וועלכע ער זיצט אויסגעצוואָגען און אויסגעפּוצט, ווי דער פּראַנט אויף אַ פּריזירער־שילד און נאָך דעם אַלעמען אַראָבפאָהרען אַהיים מיט לעדיגע הענד,—דאָס וועט ער ניט טהון, עס זאָל איהם אפילו אויסקומען דעם זומערדיגען אַנצוג צו פערזעצען.

און אַז שוין ברענגען אַ מתנה, איז די בעסטע מתנה פאַר'ן טאַטע'ן—אַ גראַמאָפאָן.

פאַר אַ שטיקעל נגינה, האָט בערציק געוואוסט, וועט דער טאַטע דאָס גאַנצע ביסעל חיות אַוועקגעבען.

צוליעב אַ ביסעל נגינה האָט זיך דער טאַטע איין מאָל

ז. װענדראָף.

אויפגעהויבען סאַמע ערב ראש־השנה און איז אַװעק קײַן גלוחאָװ הערען דעם גלוחאָװער בעל־בכיה.

די דאָזיגע נסיעה האָט שיעור ניט געבראַכט צו אַ גט צװישען טאַטע־מאַמע, נאָר די אהבה צו נגינה און צו מוזיקע איז בײַם טאַטע'ן דערפון ניט קלענער געװאָרען.

איז נאָר געקומען אַ חזן אין שטעדטעל, איז שוין דער טאַטע ניט אַרויס פון דעם אַכסניה, װאו דער חזן מיט דער קאַפּעליע האָבען אײַנגעװונגען זײַער מוסף; שבת — ניט אַרויסגעטראָטען פון שוהל, כל זמן דער חזן האָט ניט אָבגעזונגען דעם „אַדון־עולם״; נאָכ'ן דאַװנען — געשלעפט צו זיך אויף ברכה און אויף װאַרמעס דעם חזן מיט דער גאַנצער חאַליאַסטרע הונגעריגע משוררים.

די מאַמע בײַזערט זיך, װאַרפט זיך, שעלט, און פרעגט דעם טאַטע'ן צי זאָל זי זײַ אָנקאָרמען מיט איהר פלײַש פון לײַב אָדער מיט'ן טאַטע'נס בײַנער. — נאָר דעם טאַטע'ן קימערט עס ניט. ער געהט אום אַ פעריאַכמערטער, אַ צופלאָכטענער, רײַבט די הענד פון גרויס הנאה, װאָס ער האָט געהערט און װעט נאָך הערען אַ שטיקעל שטײַגער, צי אַ װאָלעכעל, צי די גוטע, בעטעמטע עברי..

בײַם טאַטע'ן איז רעכט אָבשטעלען זיך, מעשה־איגגעל, בײַ מלך קלעזמער אונטער'ן פענסטער און הערען װי ער שפּיעלט „חופה־װעטשערע״ אָדער „בעזעצענס״. אַפילו אַ קאַטערינקע אַז עס פערבלאָנדזשעט אַמאָל אין שטעדטעל איז בײַם טאַטע'ן אויך אַ גאַנצער יום־טוב.

קען פאַר איהם זײַן אַ גרעסערע מתנה, װי אַ גראַמאָפאָן?

ס'פערשטעהט זיך, אַז פלאַסטינקעס דאַרף מען קויפען אידישע, סיראָטאַ'ן, קװאַרטין'ען, גוטמאַנ'ען, גרונדשטיינ'ען, צום רומעל שאַדט ניט אַרײַנװאַרפען „דאָס טליתל'ל״, „אַ בריװעלע דער מאַמען״,

„איך דאַנק דיר גאָט, וואָס איך בין אַ יוד“, און נאָך אַזעלכע מתיקות'דיגע זאַכען.

האָט בערציק זיך אָנגעטהון אַ כח און אויסגעגעבען צוויי־און־צוואַנציג קאַרבען אויף אַ גראַמאָפאָן, אַכטצעהן רובעל אויף פּלאַס־טינקעס, און איז אַוועקגעפאָהרען אַהיים, אַ צופריעדענער ניט אַזוי פון דעם, וואָס ער פאָהרט אָנקוקען אַ כלה, ווי פון דעם, וואָס ער וועט פערשאַפען דעם טאַטען אַזאַ פערגניגען.

II.

צוקושט זיך מיט די שטוביגע, אַרומגעוואַשען זיך פון וועג, און צוטיילט אַלעמען די קליינע מתנות, האָט בערציק פערלעגט די הענד אַהינטער און שמייכלענדיג צופריעדען אַ פרעג געטהון:

— נו, טאַטע, טרעף נאָר אויף טשיקאַוועס, וואָס איך האָב דיר נעבראַכט פאַר אַ מתנה!

— אַוודאי אַ טאַבאַקערקע — שמייכעלט מיכל־בער צוריק.

— זעהסט דו, דאָס וואָלט געווען פונקט אַ מתנה פון וואַרשא!

— וואָס־זשע דען? אַ טאָמבעקאָווענע קייטעלע, צי אפשר נאָר אַ זייגערעל? — אַ קשיא אויף וואַרשעווער שאַרלאַטאַנעס — איז מיכל־בער כלומרשט ניט צופריעדען מיט די וואַרשעווער שאַר־לאַטאַנעס.

— און אויף גרעסערס האָסט דו שוין קיין השגה ניט? — ציהט בערציק, און דער פנים שיינט ביי איהם פון נחת.

— אַ קיצור, זאָג שוין וואָס: אַ שלאָפראָק, אַ אויסגענייהטע יאַרמאָלקע, אַ ניעטרה?...

— אַ גראַ־מאָ־פאָן! — האָט בערציג ברייטליך אַרויסגעזאָגט,

צוציהענדיג דאָס װאָרט און קוקענדיג מיט גרויסקייט אין אַלע זייטען.

„אָט דאָס, הייסט עס, קען אַ װאַרשעװער!“

— אַ װי-װאָ=ס? אַ גאַרמאָפאָן?! אָט דאָס, װאָס ס'איז אויסגעמאָלט אויף די גאַזעטען? מיט אַ טרומפייטער פון אויבען?... — האָט זיך מיכל-בער שיעור ניט דערװאָרגען מיט די װערטער פון גרויס שמחה.

— אָט טאַקי די זעלביגע-איז בערציג געבליבען געלאָסען — און טאַקי אַ רעכטע כלי אויך — אַ אמת'ע „סירענאַ“.

— טו װײַז=װשע, לאָמיר שוין זעהן, לאָמיר עפּעס הערען דבורים פון דעם גאַרמאָפאָן...

— גראָמאָפאָן, טאַטע, ־ראָמאָפאָן — האָט איהם בערציק פערריכט.

— זאָל זיין גאָרמאָפאָן, אַבי װײַז שוין — האָט מיכל=בער אונטערגעטאַנצט פון אונגעדולד.

— אייל זשע זיך ניט — איז בערציק געבליבען קאַלט, װי אייז — אַ גראָמאָפאָן, פערשטעהסט דו מיך, איז אַ איידעלע זאַך, מען דאַרף װיסען װי צו געהן אַרום דעם... למשל דו שטעלסט אָן אַ פּלאַסטינקע...

— אָבער גענוג דיר שוין צורעדען! לאָמיר דאָס שוין אַ מאָל אָנקוקען — איז מיכל געשפּרונגען פון הויט.

— דו שטעלסט אָן אַ דובעלטאָװע פּלאַסטינקע... פון איין זייט איז, לאָמיר זאָגען...

— װאָס טויג דיר זאָגען, נעהם בעסער גיכער אַרויס — האָט דער טאַטע געטאַנצט פון אונגעדולד.

— שטעלסט דו אָן די פּלאַסטינקע און דרעהסט אָן די

א גראַמאָפאָן:

העגדטעל...

— דו ווייזט צו ניט?, וואו איז דאָס ביי דיר?..

— וואַרט אַ באַלד!.. דרעהסט דו אָן דאָס הענטעל פון זיך... שאַ, שאַ, אַט איך נעהם אַרויס...

און ניט געאיילט האָט בערציק פונאַנדערגעבונדען די שטריקעל אַרום דאָס הילצערנע קעסטעל, אויפגעריסען דאָס דעקעל, פאָרזיכטיג אַרויסגענומען פון דאָרטען אַ קליינעם גראַמאָפאָן און אַוועקגעשטעלט אויף'ן טיש.

די גאַנצע צייט, וואָס בערציק האָט אויסגעפּאַקט דעם גראַמאָפאָן, האָט זיך דער טאַטע אונגעדולדיג געדרעהט אַרום טיש, געחאַפּט דעם העמערעל, אָבגעשאַרט די סטרוזשקעס.

— ווי נאָר בערציק האָט אַוועקגעשטעלט דעם גראַמאָפאָן אויף'ן טיש, אַזוי האָט דער טאַטע צוגעלעגט אַ אויער, און אונצופריעדען אַרויסגערעדט:

— מ'הערט דאָך עפּעס גאָר קיין קול ניט...

בערציק האָט זיך ברייט צולאַכט:

— אַט־וואָס קליינשטעדטעלדיגע זיינען! ער מיינט, אַז נאָר אַוועקגעשטעלט, אַזוי שפּיעלט ער שוין.

אַט וועט ער באַלד ווייזען, ווי מען דאַרף טהון.

און אין אַ מינוט אַרום האָט שוין דער גראַמאָפאָן געאַרבייט אויף אַלע כלים.

צום אָנהויב, ווען מיכל־בער האָט דערהערט דאָס ערשטע שפּיעריי פון דעם גראַמאָפאָן, האָט ער זיך אַ ביסעל פערקרימט: דאָס, הייסט עס, איז גאָר? נאָר ווען גלייך נאָך דעם האָט זיך אַרויסגעריסען אַ גוואַלדיגע שטימע. און ריינע עברי ווי פון סידור אַרויס, — זענען איהם באַלד די אויגען אַרויסגעקראָכען פון קאָפּ

פּאַר התפּעלות.

װי אַ צוטומעלטער האָט ער זיך אומגעדרעהט אַרום גראַ־
מאָפאָן, אַרײַנגעקוקט אין „טרומפּײַטער", צוגעבױגען זיך צום קעס־
טעל, צוגעהערט זיך, געקלאַפּט מיטן פינגער און געקאָכט זיך:

— געװאַלד, געװאַלד! צו װאָס מענשען דערגרײַכען! װאָס
מען קען אַלץ אױסקלערען! דאָס רעדט װי איך בין אַ איד, דאָס
רעדט! סאַרא קול, סאַרא עברי!..

— אָבער הער, טאַטע, הער זיך צו — האָט איהם בעריציק
אײַנגעהאַלטען, דאָס איז דאָך סיראָטאַ.

— סיראָטאַ? דער אמת'ער סיראָטאַ?.. איך הער, כ'הער...

און אין אַ װײַלע אַרום איז מיכל־בער געשטאַנען מיט אַ פֿער־
פלאַמט פנים, מיט ברענענדיגע אױגען און שאָקלענדיג מיטן קאָפּ
שטילערהײַד געמאַכט מיט די ליפּען נאָכן גראַמאָפאָן:

— ו־מ־פני ח־טאי־נו... אָ־הא־א־אָ־אי ג־ל־י־נו... אױ, אױ, אױ...
מ־אר־צ־נו־או־או־או...

נאָכ'ן „מפּני חטאינו" איז געגאַנגען דער „יהי רצון", און אַנ־
דערע שטיקלעך.

— װאַרט, טאַטע, כ'װעל דיר אָנשטעלען „אַ בריװעלע דער
מאַמע'ן" — אַ טהײַערע זאַך...

— אַי, װאָס רעדסט דו? מען קען דאָך צוגעהן פון מתיקות
פון זײַן „יהי רצון"!...

— דו װעסט הערען „דאָס טלית'ל" װעסט דו ערשט לעקען
די פינגער...

האָט מען אָנגעשטעלט „דאָס טלית'ל" און „אַ בריװעלע דער
מאַמע'ן", גאַנצע שטיקער פון „דאָס פינטעלע יוד", און נאָך אַ מאָל
אַלע חזנים, ביז עלקע, מיכל־בער'ס װײַב, האָט זיך צובײַזערט:

– אַ סוף זאָל זײַן מיט אײַער קאַטערינקעלע! דער וואָרעמס איז דאָך שוין פערגליוועט געוואָרען.

פון דאַמאָלס אָן האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה גראַמאָפאָן.

נאָר טאָג, דער עולם אַרום שלאָפט נאָך, שטעלט שוין מיכל־בער אָן דעם גראַמאָפאָן און כאַפּט אַרײַן אַ פּאָר שטיקלעך. ווי נאָר אָבענד, אַזוי הויבט ער אָן אײַלען זיך אַהיים.

– וואָס'ט מען אויסזיצען? דער פדיון, מישטײנס געזאָגט, דער גרויסער – גיעט ער צו פערשטעהן.

– וואָס פרעלסט דו אַזוי אַהיים, וואָס? לאַנג ניט געזעהן זיך מיט דײַן גראַמאָפאָן, וואָס? – פערשטעהט עלקע זײַן מיין.

מיכל־בער שטעלט זיך אַוועק בײַם טהיר, גיעט זיך אַ רוק אַרויס פון קראָם און ווערט פערפאַלען.

אין אַ ווײַלע אַרום טראָגט זיך שוין איבער'ן גאַנצען שטעדטעל „אַ בריוועלע דער מאַ־אַ־מען"...

שפעטער צו, קומען זיך צונויף שכנים און מיכל־בער נעהמט זיך גאָר אויף דאָס נײַ אָנשטעלען איין פלאַסטינקע נאָך דער אַנדערער, ביז עלקע קומט צוגעהן פון קראָם אַ הונגעריגע, אַ פערפרוירענע און אַ כעס'נדיגע, און נעהמט זיך בײַזערען;

– זעהט, זעהט ווי מ'האָט זיך דאָס אַ ביסעל אָנגעקליבען דאָ, ווי מ'האָט דאָס אַ ביסעל אָנגערויכערט! שפּיעלעניש אויף זײַערע קעפ, זאָל דיר שפּיעלען און פידלען אין האַרצען און זאָל אָר ניט אויפהערען, טאַטע זיסער!...

נאָר מיכל־בער איז שוין געוואָהנט צו איהרע טענות. מאַכט ער זיך כלא ידע און שטעלט אַזוי לאַנג אָן דעם גראַמאָפאָן, ביז אַלע שכנים צוגעהען זיך און ער אַלײן שלאָפט איין זיצענדיג איבער איהם.

ז: ווענדראָך.

ווען מיכל־בער און די גאַנצע שטעדטעל האָבען שוין גע־וואוסט אויסווענדיג אַלע נגונים מיט אַלע ליעדער, האָט ער שטילער־הייד אָנגעהויבען שלעפּען פון טישקעסטעל קליין־געלד און איבער־געבען טביה דעם בעל־עגלה, ער זאָל איהם ברענגען פון מקום פרישע פלאַסטינקעס.

– זעה נאָר מען זאָל דיר געבען חזנ׳ישע זאַכען, האַרציגע, ס׳זאָל אַ נעהם טהון! – פלעגט ער איהם יעדעס מאָל אָנזאָגען – אַ גוטער חסידישער ניגונ׳דל מאַכט אויך ניט אויס.

און אַז עלקע האָט בעמערקט די חורבונות, וואָס ער מאַכט איהר אָן, און האָט שטאַרק גענומען אַכטונג געבען אויפ׳ן קעסטעל, האָט מיכל־בער גענומען לייהען אַ קערבעל ביי לייטען, שלעפּען פון שטוב וואָס ס׳האָט זיך געלאָזען און שיקען נאָך פּלאַסטינקעס.

עלקע האָט געשריען און געשאָלטען, און געפּאָדערט גט, נאָר מיכל־בער איז געווען טויב צו אַלץ אין דער וועלט, אַ חוץ צו די נגונים פון גראַמאָפאָן.

און איינמאָל, ווען עלקע איז געקומען אין קראָם און האָט דערזעהן, אַז מיכל־בער האָט אַרויסגעשלעפּט פון טיש־קעסטעל דאָס לעצטע דרייערעל, וואָס זי האָט געדאַרפט בעצאָהלען דעם סקלאַדניק און האָט עס אָבגעגעבען טביה׳ן אויף פּלאַסטינקעס, – האָט איהר דאָס בלוט אַ שפּאַר געטהון אין קאָפּ אַריין און אַוועק־לויפענדיג אַ צוזאָרענע אַ היים, האָט זי געכאַפּט אַ שייט־האָלץ און איידער מיכל־בער האָט צייט געהאַט אָבצושטעלען זי, איז שוין די גאַנצע פּאָדלאָגע בעשאָטען געווען מיט שטיקלעך פון צובראָכענעם גראַמאָפאָן און פּלאַסטינקעס.

מיכל־בער איז געשטאַנען איבער׳ן חורבן, געצופּט זיך די

א. גראמאָסאָן.

האָר פון קאָפּ, און טופּענדיג מיט די פּיס, צוקאָכט געשריהען:
– גזלנ׳טע, וואָס האָסט דו געטהון?! צום רב, רוצח׳טע, צום רב!
א גט, ניט אנדערש – א גט!...

דִי גְרוֹיסֶע גְנֵבָה.

I.

– דו ווייסט, אלקנה, מאלינעס איז היי־יאהר בחנם, וואלט מען געדארפט אויספרעגלען א ביסעלווארעניעס.

אזוי רופט זיך אן אין א זונטאג׳דיגען פריה־מארגען נחמה צו איהר מאן, אלקנה דעם מלמד.

אלקנה, וואס איז בשעת־מעשה געזעסען איבער א ליימענער שיסעל „מהיה״ – חלה מיט זאלץ צעווייקט אין הייסע וואסער – האט פאוואליִנקע אונטערגעטראגען די ציִנגענע לעפעל צום נאז, גוט בעטראכט מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען, דערנאך האסטיג אריינגעווארפען עם אין מויל, אומווארפענדיג די בריהענדיגע חלה פון איין זייט מויל צום צווייטען, און ערשט נאכדעם, ווי ער האט אראבגעשלונגען דעם ביסען, האט עם לאנגזאם אוועקגעלעגט דאס לעפעל, צוגעלעגט די טרייבעל צום טויבען אויער און געפרעגט:

– הא, וואס זאגסט דו?

– כ׳זאג ווארעניעס געדארפט אביסעל אויספרעגלען – האט נחמה געזאגט העכער – מאלינעס צוועלף קאפיקעס א טאפ...

– צו וואס טויג דיר ווארעניעס? – וויל אלקנה וויסען.

ז. וועגדראַף.

– מאַלינעס בחנם... פול דער מאַרק מיט מאַלינעס...

– און צוקער? בהמה! –

נחמה איז געבליבען אַ מינוט אַבהענדיג.

אַז צוקער שטעהט דער זעלבער מקח, וואָס פריהער–דאָס האָט זי ניט בערעכענט, נאָר באַלד האָט זי זיך ווידער אַ חאַפּ געטהון:

– אַלע פרעגלען היינט וואַרעניעס... מאַלינעס איז וואָלוועל...

נאָר וויפיעל נחמה האָט ניט איינגע'טענה'ט, האָט אלקנה ניט געקאָנט פערשטעהן דעם שכל פון דעם, פאַר וואָס לויגט פרעגלען וואַרעניעס היי-יאָהר, מעהר ווי אַלע יאָהר.

– וואָס איז די פעולה, אַז מאַלינעס קאָסט מיט אַ פּאָר גראָשען ביליגער, אַז צוקער איז געשטיגען אין מקח, אַ גאַנצע קאָפּיקע אויפ'ן פונט? האָט ער אַלץ געפרעגט איין קשיא.

אָבער נחמה האָט בעשלאָסען, אַז מאַלינעס אין אַ שטוב מוז זיין.

זי וועט ניט זאָגען קאַרשען, צי טרישקאַפּקעס, צי פּאָמעראַנצען אָדער דאַרטען אתרוגים געפרעגעלטע, ווי לייט פערגינען זיך, אָבער מאַלינעס – הלואי זאָל מען ניט דאַרפען – איז נויטיג, ווי ס'איז נויטיג, אַ ביסעל ראַמאַשקע, צי הוסטעפּעציעס אין אַ שטוב...

און אַז נחמה האָט געזעהן, אַז די טענות העלפען ניט, האָט זי זיך אַליין אַנ'עצה געגעבען.

זי האָט זועקס מעשענע לייבטער, אָבער בענשען בענשט זי ניט מעהר ווי פיער, קען זי דאָך צוויי פער'משכונ'ען און אויספרעגלען אַ ביסעל מאַלינעס. דערנאָך וועט זי שוין קענען ביסלעכווייז אָראָבקוועטשען פון דער הוצאה – דאָ עפּעס פערבייגען,

דאָרטען אַ גראָשען איינשפּאָרען און דער חוב וועט זיין בעצאָהלט און מאַלינעס־סאַק וועט פאָרט זיין אין שטוב.

און נאָך דעם זעלבּיגען טאָג, ווי נאָר אלקנה איז אַרויס פון שטוב, האָט נחמה איינגעוויקעלט צוויי לייכטער אין פאַרטוך, און אַרומקוקענדיג זיך צי זעהט זי קיינער ניט, האָט זי זיך אַריינגעכאַפּט צו ציפּע די וואָכערניצע אין שטוב, פון וואַנען זי איז נאָכדעם אַרויס אָהן די לייכטער, נאָר מיט ניין גילדען און צעהן גראָשען, שטייף פערקוועטשט אין האַנד.

נחמה האָט אַפילו פערדראָסען, וואָס די בלוט־צאַפּערקע האָט ביי איהר שוין אַראָבגענומען צוואַנציג גראָשען, פאַר צוויי וואָכען פּראָצענט פאָראויס, און וואָס זי וועט איהר אַלע וואָך דאַרפען צאָהלען אַ גילדען קרן און צעהען גראָשען פּראָצענט; נאָר זי האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס זי האָט פאָרט דערלעבט צו האָבען אַ ביסעל אייגענע וואַרעניעס, און וועט שוין ניט דאַרפען געהן מיט'ן קידוש־גלעזעל צו גיטעל די נייע גבירה, בעטען אַ ביסעל קוויקעניש, ווען אַ קינד וועט חלילה שוואַך ווערען.

און איידער אלקנה איז נאָך געקומען צוריק פון מעריב האָט שוין נחמה געהאַט די מאַלינעס אויסגעפּרעגעלט און בעהאַלטען ביי צירל דער שוחט'קע אין שפּיזאַרניע.

— מיינער וועט דערזעהן, אַז כ'האָב אויסגעפּרעגעלט אַ ביסעל מאַלינעס, וועט ער די שטוב איבערקעהרען, — האָט זי געגעבען צו פערשטעהן צירלין, פאַרוואָס זי וויל ניט האַלטען די וואַרעניעס ביי זיך אין דערהיים.

II.

טאַראַס, אַ זיבעציג-יאָהריגער פויער אָהן איין גרויהע האָהר אין זיין רויטען באָרד, און וואָס האָט דורכ'ן שטענדיגען האַלץ-האַקען ביי אידען גערעדט האַלב-אידיש און האַלב-גויאיש, — האָט אַוועקגעלעגט די האַק אָן אַ זייט, אָבגעווישט מיט'ן ברעג פון דער אַרויסגעלאָזענער לייווענטענער העמד דעם פליכעוואַטען קאָפּ, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ פולע לבנה איינגעפאַסט אין אַ קיילעכדיגע רעמיל פון רויטע האָהר, — און האַלב-פערדראָסיג געוואָרטשעט.

— אַ, קאַב יעהאָ ליכאַ זאַבראַלאַ! וואו ער דאָס קריעגט אַזעלכע סוקעוואַטע דראָווען. דער רעזניק!... חיבאַ פּאָיעסץ טים טשאַסאָם, צי שטאָ?..

און אַוועקזעצענדיג זיך אויף אַ גראָבער פּאָליענע האָלץ, האָט ער ניט געאיילט אַרויסגענומען פון טאָרבע אַ שטיק שוואַרצען, פערטריקענטען ברויט, געדיכט בעשאָטען עם מיט אַ גראָבען גראָהען זאַלץ פון אַ שמאַטקעלע, און פּאַוואָלינקע אָבער בעטעם'ט גענומען קייען...

קייענדיג דעם ברויט, האָט ער לאַנגזאַם און פויל געבלאָנזעט מיט די אויגען פון איין אָרט צום צווייטען אין דער קליינער שוחט'קעס ספּיזשאַרניע, ביז זיין בליק איז געפאַלען אויף דעם שפּייז-אַלמער, און ער האָט אָנגעהויבען צו פאַנטאַזירען אויפ'ן קול:

— קאַבי אַ סעליאָדעטשקע איצט צו די חליעב... צי כאָטש אַ ציבולקע, אָדער אַנ'אָגורטשיק... וואָט-בי געוועזן דאָברע...

און אָהן שום שלעכטע מחשבות האָט ער אַ ציה געטהון די טהירעל פון אַלמער, אַזוי ווי ער וואָלט האָפען, אַז פון דאָרטען וועט אַרויסשפּרינגען אַ הערינג אָדער אַ ציבעלע. אָבער צו זיין גרויס

וואונדער, האָט זיך די טהירעל געעפענט, ווי זי וואָלט איהם איינגעלאַדען, ער זאָל עפּעס פערזוכען פון די מאכלים אין אַלמער.

צום אָנהויב האָט זיך טאַראַס דערשראָקען: מען וועט נאָך זאָגען, אַז ער האָט עס אויפגעריסען דעם אַלמער. נאָר דערנאָך האָט זיך אין זיין פויערשען מוח לאַנגזאַם געיאָוועט אַ אַנדער געדאַנק:

ניט קיין חאָזיאַיקע, צירליאַ... לאָזט אָפען אַ אַלמער... מ׳קען זי דאָך אָבקראַדעווען... אַ נו-קאַ, זאַבאַטשעם, וואָס דאָרטן פאַרהאַן...

און אויפהויבענדיג זיך געלאַסען פון קלאָץ, דאָט ער רוהיג גענומען בעטראַכטען, וואָס עס טהוט זיך אין אַלמער.

קיין גרויס גוטס איז ביי צירל דער שוחט׳קע אין אַלמער ניט געווען. נאָר אונטען איז געלעגען אויסגעשאָטען אַ ביסעל האַלב-פערפוילטע קאַרטאָפּעל, בעוואָקסען מיט ווייסע וואָרצלעך, און אַ ביסעל איבערגעציי‌טיגטע מעהרען. אויף דער צווייטער פאַך איז געשטאַנען אַ ליימענע שיסעל מיט אַ גריינליך שטיקעל רויהע פליישׁ און אַ פאָר שטיקלעך לונגען, צוגעפרעסט מיט אַ שווערען שטיין; די דריטע פאָליצע איז געווען פערנומען מיט לעדיגע געדראָטעוועטע טעפּ, און נאָר גאָר פון אויבען זענען געשטאַנען, ווי די טעקעלעך, דריי סלאָיעם — צוויי גרויסע און איינער אַ קלענערער — גוט בעדעקט מיט פאַרמעט-פאַפּיער און פעסט פערבונדען מיט שנירלעך.

— פוסטאָ, ניטאָ מיט וואָס אַ צערקאָוונע מויז אָנצוקאָרמענען — האָט טאַראַס געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ - וואָס איז דיר אַ חאָזיאַיסטוואָ...

אַ נו-קאַ, וואָס האָט זי דאָרטען אין די באַנקעס, די צירליאַ?

און דורכלעכערענדיג דאָס פּאַפּיער פון דעם קלענערען סלאָי מיט'ן פינגער, האָט ער איהם צוריק אַרויסגעשלעפּט איינגע־פּונקט אין מאַלינעס־סאָק, ניט געאײַלט אָבגעלעקט, רעדענדיג צו זיך אַליין:

– אַ־אַי דאָברע!.. נו־קאַ, נאָך אַ לעק... אַ, יאַק סמאַטשנאָ! מ'דאַרף זײַן ניט קעפּסקע מיט חליעבעץ... פערזוכען אַ ראַז, האַ, צירליאַ?..

און ברעכענדיג פון דעם דרײַ־פונטיגען שטיק ברויט, האָט ער עס שטיקלעכווײַז כּסדר געטונקט אין די מאַלינעס און צוגע־סמאָקעט מיט די ליפּען.

– סמאַטשנאָ, יע־באָהו סמאַטשנאָ... שקאָדאַ, מעהר קײן חליעבעץ ניטאָ...

און ווי ניט איהם מײנט מען, האָט טאַראַס אָבגעווישט מיט'ן העמד דאָס מויל, באָרד און וואָנצען און האָט זיך ווײַטער גענומען האַקען דעם שוחט'ס סוקעוואַטע האָלץ...

III.

– גיה ברענג צווײ לויט ריצען־אײל און זעה דאָקאַזשע ערגעץ אַ ביסעל קוויקעניש פאַר זעלדע'ן, אָהן דעם וועט זי דאָך קײן ריצען־אײל ניט אײננעהמען, בשום אופן בעולם ניט...– האָט אלקנה אַ זאָג געטהון צו זײַן ווײַב, שבת צו־נאַכט, ווען די צעהן־יאָהריגע זעלדע זײַערע איז געקראָכען אויף די ווענד פון בויך־וועהטאָג.

נחמה, וואָס האָט געקוואָלען אין האַרצען, וואָס זי האָט ניט געפּאָלגט דעם מאַן און אויסגעפּרעגעלט מאַלינעס. ווײל איהם, פון

דערסטוועגען, פערשאפען א ביסעל ענמת נפש פאר זיין עקשנות, צוביזערט זי זיך:

– קוויקעניש דאקאזשען איהם! געה און דאקאזשע!.. ס'דאך געזאגט מ'דארף קיין מאלינעס ניט פרעגלען!.. זעהסט דו ווי מען דארף ניט?!..

– נו, מילא, וואס איז די פעולה פון די רייד? ס'איז דאך שוין פערפאלען... געה אריין צו ג.טעל די גבירה און בעט...

– ניט דערלעבען וועלען מיינע שונאים, איך זאל געהן צו לייטען מיט'ן גלעזעלע בעטען א ביסעל קוויקעניש פאר א קראנקע קינד!.. כ'האב, גאט צו דאנקען, א ביסעל אייגענע ווארעניעס, ניט ערגער פון גיטעל די גביר'טע...

מיינט אלקנה, אז ער האט ניט דערהערט, און שטעלט צו די טרייבעל צום טויבען אויער:

– ווער זאגסט דו קראנק? גיטעל די גביר'טע? טו געה צו...

– מיינע שונאים זאלען קרענקען! – כ'האב אליין געפרעגעלט ווארעניעס... וואס דען, פאלגען דיך, דעם משוגע'נעם – איז נחמה כמעט צופריעדען, וואס איהר זעלדע איז קראנק געווארען און זי קען זיך ארויסווייזען מיט איהרע ווארעניעס.

אלקנה'ן איז די מעשה דוקא געפעלען, נאר פונדעסטוועגען האט ער געהאלטען פאר נויטיג א ביזער צו טהון זיך:

– וואס א אידענע קען אויפטהון!.. מ'נא! וואו האלסט דו עס, וואו?

– ביי דער שוחט'קע. –

– נו, געה=זשע קויף ריצען=אייל און ברענג אין איין גאנג א ביסעל מאלינעס.

– זעהסט, אז מען דארף פאלגען א ווייב... אט באלד זעל=

ז. וועגדראָף.

דינקע, ברענג איך דיר אַ ביסעל מאַלינעס־סאָק, וועט דיר גרינ־גער ווערען...

IV.

— גוט־וואָך! כ'האָב געוואָלט נעהמען אַ ביסעל פון מיינע מאַ־לינעס... מיין זעלדע עפּעס ניט מיט אַלעמען,— האָט זיך אָנגערו־פען נחמה, אַריינגעהענדיג צו ציר'ל דער שוחט'קע.

— אודאי דער טשאָלענט עפּעס איהר פערשאַדט—איז משער די שוחט'קע,— אָט נאָט איך דעם שליסעל פון אַלמער און געהט נעהמט זיך געזונדערהייד.

נחמה איז אַרויס אין ספּיזאַרנע, אין צוויי מינוט אַרום, איז זי צוריק אַריין אַ בלייכע און אַ צושראָקענע.

— אַ לעדיגער סלאָי... שטעהט איינע סלאָי קאַרשען און דער סלאָי ברוסניצעס... מיינע מאַלינעס אַ האָהר אויפ'ן דעק פערבליעבען...

— וואָס רעדט איהר עפּעס? גאָט איז מיט אייך! כ'האָב זיך אפילו צו מיינע וואַרעניעס ניט צוגעריהרט, ניט נאָר צו איינערע — האָט זיך די שוחט'קע דערשראָקען,— געהאַלטען—הלואי זאָל מען ניט דאַרפען... ס'קען ניט זיין! קומט נאָר אַ קוק טהון.

— ניטאָ וואָס צו קוקען... אפילו אויף אַ רפואה ניט געבליע־בען. נו, וואָס זאָגט איהר צו אַזאַ אומגליק?

— וואָס זאָל איך זאָגען? איך האָב איינערע וואַרעניעס געוויס ניט געגעסען, כ'האָב, גאָט צו דאַנקען, אייגענע.

— ווער דען האָט אויפגעגעסען „עליענאַווי"?

— די שוחט'קע איז אַנ'אָנגעצונדענע געוואָרען:

— וואָס זאָגט איהר אַ ביסעל צו דער העזה? כ׳האָב זי גע־בעטען זי זאָל מיר אַריינשטעלען איהרע וואַרעניעס! איך בין שולדיג, אַז מייז האָבען אויפגעגעסען איהרע מאַלינעס.

— מייז? נישקשה, איהר זענט אַליין אויך אַ גוטע מויז... גראָד מיינע וואַרעניעס האָבען אויפגעגעסען מייז...

— אַלע בייזע חלומות צו אייער קאָפּ, צו אייער לייב און לעבען, צו אייער האָהר און גאָר! נאַט אייך נאָך אַ אָנשיקעניש אויף מיין קאָפּ, די משוגענע נחמה מיט איהרע וואַרעניעס! — דאָס האָט נאָך מיר געפעהלט צו מיינע צרות.

— גנב׳טע, נאַשערקע! מיינע וואַרעניעס גיעב מיר אָב! האָט נחמה געשריען אויף די אויבערשטע טענער.

דערהערט אַזעלכע ווערטער, האָט זיך די שוחט׳קע אַ וואָרף געטהון צו איהר, און די צוויי ווייבער האָבען זיך אויפגעצעפּעט ווי צוויי קעץ...

אין פינף מינוט אַרום איז אַרום שוחט׳ס שטוב די גאַס שוואַרץ געוועזען פון מענשען, צווישען וועלכע נחמה מיט אַ צודראַפּעטען פּנים איז געשטאַנען און היסטעריש שרייענדיג דערצעהלט, ווי די שוחט׳קע האָט זי בע׳גנב׳ט, און די שוחט׳קע מיטן שייטעל אַראָבגערוקט אויפ׳ן רעכטען אויער און מיט דער לינקער באַק שטאַרק פערפלאַמט, איז געשטאַנען אויפ׳ן גאַניק און געשאָטען מיט אַ האָגעל משונה־ווילדע, אויסטערלישע קללות אויף נחמה׳ס קאָפּ.

פון שונאים־מחותנים.

פון אייביג אן זענען די צוויי הייזער געווען ווי איין הויז.

א שמחה, צי, חלילה, א צער אין איין הויז, איז דאס געווען די שמחה און דער צער פון דער צווייטער הויז.

ווער רעדט די מאנסבילן, זענען גאר געווען ידידים נאמנים.

יעדען זומער־פריהמארגען, ווען מענדיל פעסיעס, פלעגט צוגעהן צום אפענעם פענסטער פון זיין שטיבעל, פלעגט זיך ביי׳ם אפענעם פענסטער פון שטיבעל געגענאיבער בעוויזען דער שכן זיינער, חנא די פליאמע, אוןביידע גלייך פלעגען זיי אויסרעדען:

— נוט מארגען, מענדיל!

— גוט מארגען, חנא!

און ביידענס הענד פלעגען זיך אויסציהען פון די פענסטער איבער׳ן שמאלען פאסעק פלאטץ, וואס האט צוטהיילט די הייזלעך, און בעגעגענען זיך ביי מענדיל׳ס פושקע שמעק־טאבאק אמת׳ן דארמאנ׳ס שמעק־טאבאק־צוגעריבט מיט טראפענ׳ס, דעם סוד פון וועלבען, ס׳האט געוואוסט איין מענדעל פעסיעס.

ז. ווענדראף.

דערפאר פלעגט חנא די פליאמע יעדען שבת צונאכט מכבד זיין מענדיל׳ן מיט א טיטוניענעם ציגאר – אנ׳אמת׳ן ציגאר, וואס ער קריעגט הינטער ארום פון גינשפריק, און וואס וואלט דא אויפ׳ן ארט געדארפט קאסטען אפשר צו זעקסער א שטיק.

און דאס מכבד זיין איינער דעם צווייטען איז ניט געווען בחנם: נא דיר א שמעק-טאבאק און שמעק, נא דיר א ציגאר און רויכער; דאס איז צוגעגאנגען מיט א כונה צו פערשאפען דעם שכן א נחת-רוח.

ווען חנא די פליאמע, א שטייגער, פלעגט אנשיטען אין גריבעלע, וואס ביי׳ם גראבען פינגער, א רעכט ביסעל פון זיין שכנ׳ס טאבאק – דעם אמת׳ן דארמאנ׳ס טאבאק – און מיט גרויס כונה אריינציהען עס פריהער אין איין נאז-לאך, דערנאך אין דער צווייטער, פערמאכענדיג די אויגען פון גרויס מתיקות, – פלעגט מענדיל דערביי הנאה האבען ניט ווייניגער פון חנא׳ן אליין. צוזאמען מיט חנא׳ן פלעגט מענדיל אויפרייסען דאס מויל און האלב-פערמאכען די אויגען, בשעת יענער פלעגט שמעקען דעם טאבאק, און ביי יעדער ניס, וואס חנא פלעגט געבען, האט מענדיל א פיהר געטהון מיט׳ן קאפ, פריהער פון אונטען ארויף, דערנאך – שטארקער – פון אויבען-אראב, אזוי ווי ער אליין וואלט געשמעקט טאבאק, און געניסט זאגענדיג ביי יעדער ניס: „צו געזונד, חנא!” וואס זאגסטו צום טאבאק? „צו אריכת ימים! ער לויטערט דעם מוח, הא, חנא?..”

חנא׳ס דערלאנגען דעם ציגאר איז אויך ניט צוגעגאנגען גראב-וואכענדיג.

מענדיל פעסיע׳ס פלעגט נאך ניט צייט האבען צו פערלעשען די הבדלה אין דעם ביסעל וויין, וואס ער האט אנגעגאסען אויפ׳ן טיש, ווי אין טהיר פלעגט זיך בעוויזען חנא די פליאמע.

– גוט וואָך, מענדיל! וואָס וואָלסט דו איצט געזאָגט צו אַ גוטען ציגאַר, האַ, מענדיל?

– וואָס וואָלט איך געזאָגט? געזאָגט וואָלט איך גאָר ניט, נאָר גערויכערט וואָלט איך, און וואָלט שטאַרק הנאָה געהאַט אויך.

– אָט=אָט=אָ! נאָר מיין טבע האָט ער, אַ גאַנץ שבת ווילט זיך מיר גאָר ניט רויכערען. זאָל זיך דער שבת ציהען כאָטש אָנדער=האַלבען מעת=לעת, צעפּעט עס מיך ניט! אָבער לחלוטין ניט! איהר פערשטעהט צי ניין? ווי נאָר אָבגעמאַכט הבדלה, אַזוי געה איך אוים מיט די כּוחות!

– אַ ודאי איז אַ קטורת'ל נאָך הבדלה אַ דבר בעתו – ציהט מענדיל פּעסיע'ס פער'חלומ'ט דאָס שיטער בערדעל:

– ווילען מיר טאַקי פערויכערען, און עפּעס רעכטס!

און אַרויסנעהמענדיג פון אַ פּאַפּיערעל צוויי ציגאַרען, דער=לאַנגט ער איינם מענדיל'ן מיט אַ פּנים פון אַ מענשען, וואָס איז מכבד אַ בעקאַנטען מיט הונדערט=יאָהריגען וויין פון זיין איינענעם קעלער. דעם צווייטען ציגאַר פערויכערט ער אַליין.

פינף און צוואַנציג יאָהר כּסדר איז פאָרגעקומען דאָס מכבד זיין איינער דעם צווייטען מיט שמעק=טאַבאַק און מיט ציגאַרען; יעדערער פון די צוויי שכנים האָט שוין געוואוסט אויסווענינג, וואָס דער צווייטער וועט זאָגען. פונדעסטוועגען, האָבען זיי ביידע יעדעס מאָל געהאַט די זעלבע הנאה, ניט אַזוי פיעל פון דעם שמעקען און רויכערען, ווי פון די הכנות צו דעם, און פון די שמועסען, וואָס ס'פלעגען דערביי געפיהרט ווערען.

שטעהענדיג אין דערפריה ביי די אָפענע פענסטער אָדער זיצענדיג שבת צו נאַכט ביי אַ גלעזעל געלבליכען טהעע, האָבען זיי געקענט אוועקשמועסען שעה'ן=לאַנג וועגען קהל'שע און אייגענע

ענינים, אױסדערצעהלען זיך די צרות, װאָס מען האָט פֿון קינדער, אַנ׳עצה האַלטען זיך װעגען אַ שידוך וכדומה.

אפילו װען חנא מיט מענדלין האָבען זיך צװערטעלט בײַ אַ שאָך און האָבען מכבד געװען אײנער דעם צװײטען מיט: „ביזט אַ איד אַ שוטה!” און „בהמה בצורת פֿערד!” — האָבען זײ געפֿיהלט אַ מאָדנע התקרבות צװישען זיך.

די װײַבער אַפילו, עטיל חנא׳ס און פעסיע מענדיל׳ס, — זענען מעהר װי אַ װאָך צײַט קײנמאָל ניט ברוגז געװען.

איז עטיל געגאַנגען צום קינד, האָט פעסיע געהאָלפֿען קרעכצען, פֿערזאָרגט זי מיט יאַבלעך, געבאָרען דאָס עופֿה׳לע, געבאַקט לעקעך; האָט פעסיע, װידער, חתונה געמאַכט אַ קינד, האָט עטיל געטאַנצט מיט׳ן קוילעטש, געקאָכט די פֿיש, געװען די סאַרװערין און די צװײטע מחותנת׳טע.

און אַז טאַטע־מאַמע׳ס האָבען בעמערקט, אַז בעני, מענדיל׳ס אײנגערער זוהן, װאָס האָט אַװעקגעװאָרפֿען לערנען און האָט זיך גענומען צו „שטודען”, שמועסט זיך צו אָפֿט דורך מיט ריקלע׳ן, חנא׳ס טאָכטער, די פֿאַבריקמאַכערקע — האָבען די טאַטעס בײַ׳ם בעגעגענען זיך אָנגעהויבען װינקען אײנער צום צװײטען: „הײַנטיגע קינדער”, הײסט עס, און די מאַמעס האָבען שױן געקוקט אײנע אויף דער צװײטער, װי אויף אמת׳ע מחותנת׳טעס און אָפֿט דורכגערעדט זיך װעגען זײערע קינדער׳ס מעלות און בעטנעװאַנד.

אַזױ איז געװען ביז דער שׂרפֿה.

די שׂרפֿה, װאָס איז פֿאָרגעקומען ו׳ תמוז האָט צוזאַמען מיט זײערע הײַזלעך אויך פֿערברענט די גאַנצע פֿרײַנדשאַפֿט צװישען זײ.

געװאָהנט האָבען זײ נאָך דער שׂרפֿה, נאָך נעהנטער װי פֿריהער:

אין פעטריק דעם שוסטער'ס הייזעל, וואס איז געווען אבגעטיילט פון זייערע הייזלעך מיט א שמאלען טייכעל, און איז דערייבער גאנץ געבליבען.

נאר חאטש מען האט געוואהנט אונטער איין דאך, איז פון די פריהערדיגע פריינדשאפט געווארען א תל.

אנגעהויבען האט זיך די מחלוקה, זינט ביידע שכנים האבען אנגעהויבען שמועסען פון „בויען זיך".

בויען זיך האבען געוואלט ביידע, און פלאץ איז געווען נאר פאר איינעם. דאס הייסט, דארטען, וואו פריהער זענען געשטאנען צוויי הייזער, האט שטארט איצט מעהר ניט געלאזט שטעלען ווי איין הויז.

מען דארף די גאס ברייטער מאכען, און צווישען איין הויז און דער צווייטער דארף זיין א פרייער שטח פון זעקס קלאפטער, און „פא פלאנו" דארפען זיי זיין געבויט, קורץ — חורבונות!

זאגט מענדיל צו חנא'ן:

— פערקויף מיר דיין פאסיק פלאטץ. זאגט חנא צו מענדלין:

— פערקויף מיר דיין ברעקעל פלאץ...

— איך האב א ברעקעל? — מאכט מענדיל.

— איך האב א פאסיק? — חידושט זיך חנא.

— וואס דען האסט דו? — מ'האט דאך דיר איהם דריי חלקים אבגעשניטען פאר'ן גאס.

— און דיר האט מען צוקאטעוועט, אז מעהר ווי א זכר לחורבן איז פון דיין נחלה ניט געבליבען.

פערדריסט עס מענדיל'ן איןביין ארייַן, און ער מאכט פערביסען:

— זאלסט גאר קיין ענמת נפש ניט האבען, חנא. ועסט זעהן

װאָס פֿאַר אַ בנין איך װעל נאָך אױפֿשטעלן.

זעהט דאָך חנא, אַז מענדיל רײצט זיך מיט איהם, בלײבט ער קײן בעל־חוב ניט.

– אַזױ, אַ בנין װעסט דו שטעלן. איך בין טשיקאַװע צו װיסען װאו.

– װאָס הײסט װאו? – פֿערשטעהט מענדיל ניט, – אױף מײן פּלאַץ.

– אָט אױף דער שטיקעל רצועה דײנער?!..

– װאָס איז, דו װעסט מיר טאַקי ניט פֿערקױפֿען דײן שטיקעל סמעטניק? –

– מײן „סמעטניק“ איז מעהר װערט װיפֿיעל דײן גאַנצע נחלה איז װערט געװען פֿאַר דער שריפֿה – װערט חנה שטאַרק אין כּעס.

– אַז ס'איז אַזאַ אוצר, טו פֿערקױף־זשע, אדרבא, און נעהם אָב די גרױסע מטבע.

– און װאָס װעל איך טהון? קלײבען זיך מיט אַ געזינדעל, קײן עין הרע, אין דירות?

– און דו װילסט, אַז איך זאָל אױף דער עלטער װאַלגערען זיך ערגעץ אין אַ קעמערעל?

– ביזט אַנ'אַכזר אַ איד!

– ביזט אַ שוטה און אַ מחוצף!

פֿון דאַמאָלסט אָן האָט מענדיל אױפֿגעהערט צו דערלאַנגען חנא'ן יעדען פֿריהמאָרגען דעם שמעק־טאַבאַק, און חנא האָט דעם ערשטען מאָל פֿאַר פֿינף־און־צװאַנציג יאָהר, ניט געבראַכט שבת צונאַכט מענדיל'ן דעם טיטונעגעם ציגאַר.

דערנאָך האָט מען ניט אײן מאָל גערעדט, װעגען פּלאַטץ און אײנגעטענה'ט, און געלאָפֿען בײדע אין אופּראַװאַ און צום קאָ־

מאָרניק מיט צעהן-רובעל'דיגע, און געקריגעט זיך, און געזידעלט זיך און אין אַ קורצער צייט אויסגעפונען איינער אויף דעם צווייטען אַזעלכע חסרונות, פון וועלכע זיי האָבען פאַר די גאַנצע פינף-און-צוואַנציג יאָהר פון זייערע שכנות'שאַפט גאָר ניט געוואוסט.

ס'פערשטעהט זיך, אַז די ווייבער זענען ניט געשטאַנען פון ווייטען. אין איינע צוויי וואָכען איז פעסיע מענדיל'ס געוואָרען אַ חזיר, און אַ גראָבער גיידער, און אַ רכילות'ניצע, און אַ יאַבעדניצע; און עטיל חנא'ס — אַ שלומפער, און אַ מארק-אידענע, און אַ גנב'-טע, און אַ ליידאַצקע, און אַ הולטייקע און אַ אויסוואורף.

נאָר בעני מיט ריקליע'ן האָבען ניט געוואָלט וויסען ניט פון פאַסיקעס, ניט פון רצועות, ניט פון קלינעס און סמעטעניקעס, ניט פון זייערע טאַטע-מאַמעס מחלוקת.

פאַר בעני'ן, איז ריקליע, ווי זי זיצט מיט דעם הילצערנעם קאַפּ אָנגעשפּאַרט צווישען טיש און הארצען און וועבט אין פאַבריק אַ האָר נאָך אַ האָר, — געווען דאָס שענסטע פרויען-בילד, וואָס די פאַנטאַזיע קען מאָהלען; און פאַר ריקליע'ן איז בעני וואָס איז שטענדיג פערפוצט, ווי אַ טעקעלע און שרייבט אַזעלכע שענע גראַמען,—געווען דאָס העכסטע גליק פון וואָס אַ מיידעל קען חלומ'ן.

און ניט מענדיל'ס אָנזאָגען בעני'ן, אַז ער זאָל זיך ניט דערוועגען אָנקוקען דעם מסור'ס מוידריל'ע, ניט חנא'ס סטראַשונקעס, אַז ער וועט דער מויד דעם פּנים אויספּראַסקען, אויב זי וועט קוקען אין יענעמס זייט, וואו דעם פיאַניצעס משומד געהט; ניט פעסיע'ס מעשיות, וועגען דער מיאוס'ער חצופה, וואָס ווינקט צו אַלעמען, ניט עטיל'ס שבועות, אַז זי האָט אַליין געזעהען דעם דעם משומד רויכערענדיג אום שבת, — האָבען געקענט אָבקיהלען די ליבע צווישען בעני'ן מיט ריקליע'ן.

ז. וועגדראף.

ביי זיי איז שוין לאנג געבליבען, אז צוויי הערצער זענען טהייערער ווי צוויי פלעצער, און צי וועלען זיך די צוויי פאסיקעס פלאץ פעראייניגען צי ניט — זייערע הערצער מוזען זיך פעראייניגען צוזאמען.

אזוי האט זיך געצויגען פון דער שרפה, ביז אויף מארגען נאך יום־כפור.

ארויסגעהענדיג אויף מארגען נאך יום־כפור אויפ'ן פלאץ, זעהט מענדיל, חנא פארקעט זיך עפעס דארטען.

געהט ער פערביי אזוי זייטוויילעכ'טס, און ווארטשעט אונטער:

— וואס דרעהט ער זיך דא ארום גאר טאג, וואס?

נערעדט האט מענדיל צום קוימען, וואס האט זיך אויסגעצויגען פון די חורבות. געענטפערט האט פונדעסטוועגען, חנא, אויך נישט מענדלין, נאר דעם אבגע'שרפה'טען אוסאק, וואס האט איהם אזוי אפט דורכגעלאזען צו מענדלי'ן אין שטוב, ווען ער האט איהם געטראגען דעם טיטונעגעם ציגאר.

— טהוט? א סוכה דארף מען בויען? — פרעגט חנא ביי'ם אוסאק.

— א סוכה ט'ער בויען! ער האט פון וואס צו בויען א סוכה האט ער! — איז איהם מענדיל מבטל פאר'ן קוימען.

— אלץ האב איך חאטש ארויסגעראטעוועט אב'ן לאדענס. — פרעג איהם וואס האט ער! — עצה'ט חנא, אז מענדיל זאל פרעגען ביי זיך אליין, וואס ער האט...

מענדלי'ן איז ביטער געווארען. א סוכה מוז מען האבען, און פון וואס צו בויען איז נישא.

נאר גלייך אונטערגעבען ווילט זיך ניט, מאכט ער האלב צום קוימען און האלב צו חנא'ן:—

– און אַ לאָקשען־ברעט, און אַ פּאַס, און סלופּעס האָט ער דאָך!

– סלופּעס! אָבגעבּרענטע האָלאָוועשקעס... אויך מיר געהילץ! אַודאי טאַקי ווי מײַנע לאָדענס.

– מײַן אײן ברעט איז טהײַערער פון אַכצעהן לאָדענס – בערימט זיך מענדיל.

און בּיסלעכווײַז האָבען די צוויי שכנים אָנגעהויבען צו רעדען ווייניגער צום קוימען און צום אוסאַק און מעהר – אײנער צום צווייטען. יעדערער האָט אויסגערעכענט וואָס ער פערמאָגט אין געהילץ און אין טשוועקעס. און האָט געשוויצט שלעפּענדיג פון אונטער די קויהלען און ציגעל נאָך אַ ברעטעל און נאָך אַ טשוואָק.

בײדע שכנים זענען אַזוי פערטיפט געווען אין אויסאַרבײַטען דעם פּלאַן פון וואָס און ווי אַזוי צו בויען די סוכה, אַז אַלײן ניט בעמערקענדיג וואָס ער טהוט, האָט מענדיל אַרויסגענומען די פּושקע שמעק־טאַבּאַק און אונטערגעטראָגען זי חנא׳ן, און חנא האָט גענומען דעם שמעק־טאַבּאַק מיט דער זעלבער הנאה, ווי פאַר דער שׂרפה...

און נאָך דעם זעלבּיגען טאָג האָבען די צוויי שכנים אויסגעבויט פון אָבגעבּרענטע סלופּעס, פון פערסמאַליעטע לאָדענס גאָר אַ געהויבענער סוכה – אַ שותּפות׳ע סוכה...

אַ שטוב האָט מען אויך געבויט אַ שותּפות׳ע.

און דאָס יונגע פּאָר־פאָלק האָט געוואָהנט אויבען אין „סאַלקע", וואָס די שותּפים האָבען טאַקי פון זײַערטוועגען געבויט.

אריינגענארט אין זאק.

א ספור המעשה דערצעהלט פון א אלטען וואהלען־יונג.

— א צורה מיט א פנים זיי האבען ביי מיר היינטיגע פערד, אייערע, מיט אייערע שווארצער׳ס, מיט אייערע מאראוויכער׳ס, מיט דער גאנצער טאראדייקע, אמאל א מענש איז געווען — א מענש, א פערד איז געווען א פערד, א גרענעץ — א גרענעץ, א שווארצער — א שווארצער, היינט וואס? טפוי! שמאראוואז׳ען, דארע הענדלעך, ווייכע חאליעוועס? אט וואס זיי זענען היינטיגע צייטען!

אזוי האט אנגעהויבען דער אלטער פינע היצעל, זיצענדיג איינמאל שבת נאכ׳ שלאף, אויפ׳ן פריזבע ביי זיין אייניקעל לאה׳קע די אלמנה׳ס שטיבעל אין יאטאלאווקע, וואו ער האט פערבראכט זיינע עלטערע יאהרען.

אין זיינע יונגע יאהרען האט היצעל „געארבייט ביי דער גרענעץ״, האט זיך גערעכענט מיט די אביעזדטשיקעס און געשלא־ גען זיך מיט גוים אויפ׳ן מארק. היינט איז ער שוין אלט, ניטא מעהר קיין כחות, זיצט ער ביי א אייניקעל, א נ׳אלמנה, און ווארט

אויף אַ פּאָר גילדען, וואָס קינדער שיקען איהם אַמאָל צו פון אַמעריקאַ.

און זיצענדיג דערמאָהנט ער זיך אָפּט די אַמאָליגע „גוטע צייטען", ווען, ער, פּינע היצעל, איז געווען — פּינע היצעל און דערצעהלט וועגען דעם מעשׂיות נאָר צו הערען.

און דער עולם אַרום איהם — בעלי־עגלות, וואָס טרעטען שווער אין זייערע גרויסע געשמירטע שטיוועל, שמייסער־יונגען מיט מגושמ׳דיגע פּנימ׳ער, און געוועטענע קאַסקעטען מיט גלאַנציגע דאַשיקעס און מיט קאָלירטע טיכלעך פערבונדען אין אַ קנופּ פון פאָרענט אויף די רויטע העלזער; בעני קאָוואַל, וואָס קען איינער אַליין אי האַלטען, אי שמידען אַ פערד און, וואָס האָט מאָדנע ליעב צו הערען מעשׂיות פון אַמאָליגע גבורים; אייזיק ביק, וואָס רעכענט זיך פאַר׳ן גרעסטען גבור אין שטעדטעל; חנאָ קאָנאָוואַל און סתם פּראָסטע אידען, וואָס קלויבען זיך אַרום איהם אַרום שבת נאָכ׳ן שלאָף און שמועסען וועגען פערד, וועגען ציגיינער, וועגען גרעניצען, אָביעזדטשיקעס און אַלערליי טרעפונגען אין וועג, און הערען מיט אָפענע מיילער און אויערען די ניסים וועגען אַמאָליגע יאָהרען", וואָס דער אַלטער פּיניע דערצעהלט זיי.

און דער אַלטער פּינע, וואָס וואַרימט אַ גאַנצע וואָך די ביי־נער אויפ׳ן זון און קרעכצעט אויף די פערעלטערטע וועהטאָגען, — ווערט נאָר איינער שבת נאָכ׳ן שלאָף, ווען ער זעהט אַזאַ יאָדרע־וואַטען עולם אַרום זיך, און ער דערצעהלט איין מעשׂה נאָך דער צווייטער, פּונקט ער וואָלט נאָך איצט אויך גרייט געווען פאַר אַ דריי־רובל׳דיגען מיט אַ פלעשעל נײַנציגער געהן שלאָגען וועמען מען וועט הייסען, ווי אין די אַמאָליגע „גוטע יאָהרען".

— ביי אייך איז פאַר׳ן בורדע אַ העלד — שפּריצט דער אַל־

טער פּיניע פון די ליפּען, – טרײסעלט בײַ אײך די װענען, לאָזט אַ פונט פלײש אויף שבת פאַר זיך ניט אַרײַנפיהרען, טאַפּט אײך אַרום װי די גנבים און איהר קוקט איהם אין די זאַסלעם. אַמאָ־ ליגע יאָהרען װאָלט מען אַזאַ פלאָכט געװיזען פון װאַנען די פּים װאַקסען בײַ איהם.

װאָס װאָלט מען איהם געטהון, פרעגסט דו! יאָלד אײנער! מ'װאָלט מיט איהם געמאַכט, װאָס מ'האָט געמאַכט מיט מלכ'קע כאַפּער.

װער מלכ'קע כאַפּער איז? גדליה, דערצעהלט איהם װער מלכ'קע איז געװען. פאַר מלכ'קען, גוטע ברידער, האָט דער גאַנצער קאַנט געציטערט, אַז מלכ'קע האָט גענומען אַ פּאָר יאַפּעס פאַר די טשופּריגעס און גענומען זײ קנאַקען שטערען אָן שטערען, איז געװען װאָס צו זעהן. און אַראָבגעבראַכט האָט איהם אַהער זעליג בויך דער אָטקופּשציק, װאָס האָט געהאַלטען דעם אָטקופּ. איז דאָך דאָס אָבער אַ גראָבע קישקע, איז איהם די װעלט װעניג, נעהט ער און נעהמט די קאָראָבקע אויך, און אַז זעליג בויך האָט גענומען די קאָראָבקע, פערגלוסט זיך איהם קײנער זאָל אַ פונט זײַטיגע פלײש אין שטאָדט ניט אַרײַנפיהרען.

„גענוג, זאָגט ער, אָנגעפרעסען זיך מיט טרפות אָהן קאָראָב־ קע". װי געפעלט אײך אַזאַ יאָלד?

און ברענגט אַראָב אָט דעם מלכ'קע און זאָגט איהם. – „מאַך אַ סוף צו דער קאָמעדיע, חברה גנבים שטעלען מיך בדלות, דער עיקר האַלט אַנ'אויג אויף מאָטקעלע נאַרדזשאָל, דער לײַדאַק פיהרט מיר אַרײַן פלײש גאַנצע װעגען. פּאַקסט דו מיר איהם, ביזט דו בײַ מיר פערזאָרגט מיט ברויט אויפ'ן גאַנצען לעבען.

„איהר קענט זיך רוהיג לעגען שלאָפען, ר' זעליג – מאַכט

מלכ׳קע,–איכ׳ל זײַ אָבגעוואָהנען פון די הינטעשע שטיק. די וואָל, וועלע פלײַש וועט זײַ בײַ מיר באַקאָם אַרויס״.

און האָט זיך גלײַך גענומען צו דער מלאכה. ווען מען זאָל ניט אַרײַנפאָהרען אין שטעדטעל – מלכ׳קע וואַקסט אויס ווי פון אונטער דער ערד מיט דער סוקעוואַטער דובינע אין האַנר און מיט׳ן גרויסען הונד בײַ די פיס, ריהעט זיך אין וואָגען, טאַפּט אַרום, מאַצעט אַרום און הירזשעט ווי אַ זשערעבעץ:

פלײַש פערוואָלט זיך? איהר קענט ניט געשוואָלען ווערען מיט לונגען?

און פאַקט ער בײַ אימיצען עטליכע פונט פלײַש אָדער ווער רעדט אַ פרעדאַק צו אַ קעלבערנעם זײַטעל גיסט ער דאָס אָב מיט גאַזע, נעהמט גלײַך אָן פאַר׳ן גאַרזשאָל און שלעפּט אין קאַראַבקע-שטיבעל, נעהמט קאַרע, לאָזט מאַכען אַ פּראָטאָקאָל און לעגט נאָך אָן אַ קאָלנער אויך.

צוריקגעבען איז געווען פערשפּאַרט. וואָרום מלכ׳קע, פערשטעהט איהר מיך, איז געווען אַ יאַט – אַ גבור. מיט אײַזערנע רײַפען. אַז ער פלעגט דערלאַנגען אַ מאַרטעפּליאַך אין פּאָטרעט, האָט אַ שפּאַר געטהון יוך פון אַלע שפּאַרונגעס, און פון זײַנעם אַ טונק אין זײַט, איז אויך קײַן אַפּעטיט ניט צוגעקומען...

זעהען מיר, ברודער לעב, עס איז אַ געשעפט פאַר אַנ׳אָט-סטאַוונאַי פעלד-פעבעל, האָבען מיר בעשלאָסען צו מאַכען מיט איהם קורץ-פּרײַטאַג: אָבצאַטעווען איהם אין אַ פינסטערע נאַכט, אַ זאַק אויפ׳ן קאָפּ און אַזוי לאַנג בוכצען אין די זײַטען, ביז דער לונג-און-לעבער זאָל איהם אַראָבפאַלען צו די פיאַטעס. רופט זיך אָן מאָטקע גאַרזשאָל:

– טשעפּעט איהם ניט. וואָס טויג אײַך מאַכען אַ גאַנצע

קאַלאַבורדע, זעליג בויך זאָל אונז שלינגען ביי דער גרעניץ?
לאָזט מיך, וועל איך איהם שוין א סמאַרע טהון אויף אַנ׳אַנדער שליאַך, און א האָהן וועט ניט קרעהען.

און אַז מאַטקע גאַרושעל האָט געזאָגט, אַז ער וועט איהם א סמאַרע טהון, האָט איהר שוין געקענט רוהיג געהן „סאַלעסודעס" עסען. וואָרום דאָס איז געווען א ממזר פון א יונג. אפילו די אַבּיעזדטשיקעס אויפ׳ן גרעניץ האָבען פאַר איהם באַיצע געהאַט.

אין פערוויס דיעלאָס האָט ער איהם גענומען געהמען לעבער.

געטראָפען זיך מיט איהם ביי ביילע ציריל׳ס אין שענק, פלעגט ער איהם א קלאַפּ טהון איבערן פּלייצע, פונקט זיי וואָלטען געווען די בעסטע גוטע ברידער און א פרעג טהון:

— נו, וואָס הערט זיך, מלך, געפּאַקט שוין היינט א העכט? זעה, ברודער, טהו אין עסק. אַז נישט קענסט דו, חלילה, בלייבען אָהן ברויט... זעליג בויך, וועט קיין דאַרמאָיעדניקעס ניט האַלטען... נאַ, פערבייס מיט א בלינצע...

מלכ׳קע ווערט צופוקעט הערענדיג און חברה גוטע ברידער פּלאַצען פון געלעכטער.

— וואָס לאַכט איהר, יאָלדען! — ביזערט זיך בלומרש׳ט מאַטקע אויף זיי. — איהר דאַרפט, כ׳לעבען, אונטערטראָגען מלכ׳ן א טרונק בראָנפען מיט א שטיק געניזענס דערפאַר, וואָס ער וועט יאַמאָלאָווקע אָבריינינגען פון גנבים, און זיי היזשען ווי די זשערעבּצעס... הער זיי ווי די קעץ, מלך, איכ׳ל דיר העלפען פאַקען די באַנדע שוואַרצער.

— זעה, אָקאָרשט, זאָגט מלך, — איך זאָל דיר דעם ערשטען ניט פאַקען — דאַמאָלס ועסט דו פון מיינע הענד קיין לעבעדיגער ניט אַרויס.

— איכ׳ל שוין זעהן, מלכ׳קע — זאָגט גאַררושאָל, — פאַר מיר זאָל דיר דײַן סאַלקע ניט דאַרען, זעה נאָר דו די אויגען זאָלען בײַ דיר בלײַבען אויפ׳ן ריכטיגען אָרט. װאָס, נעהמסט אַ טרונק בראָנפען? נײַן — איז נײַן!..

האָט אין מלכ׳קען נעקאָכט די יוכע, װי אַ קעסעל. און דאָ האָט איהם זעליג בויך געדרעליעװעט װי מיט אַנ׳עגבער:

„אַזעלכע חאַפּערס, זאָגט ער, דאַרף איך אויף כפּרות. מאָטקע גנב פערקויפט פלײש בײַ דיר אונטערן נאָז פורעגװײַז. און דו װײסט ניט װער עס האָט דיך בעסנאָסקעט? ניט אַנדערש דו ביזט מיט זײ יד אחת״.

בלאַט מיט נאַש בראַט הײסט עס.

דאָס האָט איהם אַ נעהם געטהון, װי מען װאָלט איהם דער־לאַנגט מיט אַ שװאָרען איבער די ריכעװיצעס.

יענער ליעגט אָב, װי אַ הונד גאַנצענע נעכט הינטער די פאַרקאַנעס אָדער אין די קאַנאַװעס אויפ׳ן װעג און צאַטעװעט מאָטקען, און דאָ באָנצעט מען איהם אַרײַן אַזעלכע קלינעס!

און גראָד די זעלביגע נאַכט געהט אַרוים מאָטקע גאַררושאָל פון שטוב, זעהט ער װי מלכ׳קע גנב׳עט זיך הינטערען פאַרקאַן אַנטקעגען. ער פילעװעט איהם הײסט עס. געהט ער גלײַך צום פאַרקאַן און מאַכט זיך אַזוי יאָלדעװאַטע:

אַ גוטער אָבענד, מלך לעב! אַרוים אויפ׳ן שפּאַציר? איך האַלט ניט פון די זאַבאַבאָנעס, אָנפּאַקען דעם טשעמאָדאַן מיט אַ געזונטע װעטשערע און־טוז אין בעט אונטערען פערענע — דאָס איז בײַ מיר דער בעסטער שפּאַציר...

און אַז מען סמאָרעט יענעם אַרײַן אַזעלכע װערטאַטשעס, װען ער ליעגט אין אַ קאַלטע נאַכט, װי אַ הונד אונטערען פאַרקאַן,

אַרײַנגעגאַרט אין זאַק:

קען מען דאָך טאַקי אַרויס פון די אָהאָליאָבליעס.

ענטפערט מלכ׳קע:

– טראָג אָב דעם זעקעל בײַנער, וואָרום איך ראָסשיבע דיר דײַן גנב׳שען מח!

און גיט זיך אַ וואָרף צו מאָטקען.

מאָטקע איז אָבער קײַן יאָלד ניט און מאַכט פּיס.

– מײַן קאָפּ וועט אויף מיר ניט זײַן, אויב איך וועל דיר ניט פּאַקען און הענד און פּיס אויסדרעהען. לאָמ׳ך דיר נאָר חאַפּען מיט פּלײַש – שרײַט איהם מלכ׳קע נאָך.

– זעה נאָר, עס זאָל דיר פריהער דער בויך ניט אָנחאַפּען – שרײַט מאָטקע פון טהיר.

פון דאַמאָלס אָן האָט מלכ׳קע איין נאַכט אין דערהײם ניט גענעכטיגט. ער האָט זיך, גוטע, ברידער, פּעריהעט אויף דעם בולײַציצער וועג, דרײַ וויאָרסט פון שטעדטעל און געזאָגט! זײַן טוירט זאָל דאָ זײַן, מוז ער פּאַקען מאָטקען מיט פּלײַש.

און דאָ, ברודער לעב, איז אָסיען, דרויסען איז קאַלט און נאַס, און עס רעגענט ווי פון אַ רעשעטע – אַ רחמנות אַ פּערד אין וועג צו טרײַבען. נאָר מלכ׳קע קוקט אויף קײַן זאַך ניט, עס ווערט איהם קאַלט, גיט ער אַ גוטען חליאָבטשע פון פּלעשעל און זיצט ווײַטער.

זיצט ער איינמאָל אַזוי אַ דאָנערשטאָג פאַרנאַכט הינטער אַ קוסט און קוקט אויס, ווען מיר וועלען זיך ווײַזען מיט די וועגען, – ערשט ער זעהט מאָטקע געהט אַרויס פון בערעזניאַק, וואָס בײַ שאַראָווע, מיט אַ שווערען זאַק אויף די פּלײַצעס, קוקט זיך אַרום אין אַלע זײַטען, צי מען זעהט איהם ניט, געהט אַראָב פון שליאַך און נעהמט זיך אויף דעם זײַטיגען וועגעלע קײַן שאַראָווע.

מלכ׳קע איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַנ׳אונטערגעשאָסענער. אהאָ,

ז. וועַנדראָף.

בּיזט בּײַ מיר אין פּאַסטקע! איצט-ט׳ער געמײַנט,-פּערשטעהט ער שוין פּאַר וואָס ער׳ט מאָטקען קײנמאָל ניט געקענט פּאַקען: ער קומט אין שטאָדט צופוס דורך שאַראָווע, בּרענגט דאָס פלײַש אויף זיך, און דערנאָך געהט ער צוריק און קומט אינאײנעם מיט׳ן לעדיגען וואָגען. איצט וועט ער זיך שוין אָבּער פון מײַנע הענד ניט אויסדרעהען. ער וועט איהם שוין הענד און פיס צובּרעכען און וועט איהם נאָך פערפּאַקען אין אָסטראָג אויך.

און טאַקי ניט לאַנג געקלעהרט און צוואַלאָם, צוואַלאָם נאָך איהם.

דערזעהן מלכּ׳קען נאָכלויפען נאָך זיך, האָט מאָטקע גענומען מאַכען פיס. ער לויפט, און מלכּ׳קע נאָך איהם. ער זעהט ס׳שלעכט: אָט, אָט ער פּאַקט איהם, נעהמט מאָטקע און — בּאַנץ דעם זאַק אין פּאָסע! איהר ווײַסט דאָך די פּאָסע וואָס בּײַ שאַראָווע? ניט זעהר קײַן טיפע, אָבּער אַ זומפּיגע און בּעוואַקסען מיט צעראָט, ווי אַ וואַלד. דאָרטען, גוטער בּרודער, אַז דו בּאַנצעסט עפּעס אַרײַן, זינקט דאָס אײַן, ווי אַ שטײַן.

און ווי ער האָט עס אַרײַנגעוואָרפען, אַזוי איז מלכּ׳קע אונטערגעלאָפען אַ פערשאָפּעטער, ווי אַ קליאַטשע, אַ נעהם געטהון איהם בּײַם קאָלנער און מאַכט:

— אַהאַ, פאָרט געפּאַקט דיך! איצט ווערסט דו זיך בּײַ מיר שוין ניט אַרויסדרעהען, דו גנב, אַ רוח אין דײַן טאַטען אַרײַן!

— וואָסטו מיר געפּאַקט, וואָס? — מאַכט מאָטקע — האָסט בּײַ מיר גאָר ניט געפּאַקט.

— אַזוי? און דער זאַק פלײַש, וואָס דו האָסט אַרײַנגעוואָרפען אין פּאָסע?

— וואָסער זאַק? וואָסערע פלײַש?—מאַכט נאַרדזשאָל יאָלדעוואַטע.

וואָס, דו רעדסט נאָך? מאַך צו די פּאָרטקע, וואָרום איך זעץ דיר באַלד אויס דײַן פּאַרקאַן צײַנער!

– מ׳האָט דיך אין דער ערד מיט דײַנע סטראַשונקעס–מאַכט מאָטקע, – אָט געהען אונזערע יאַטען, זעה בעסער מ׳זאָל דיך אין לײַלעכער ניט אַוועקטראָגען.

און דאָ, פערשטעהט איהר מיך, זענען מיר טאַקי אַלע אָנגעפאָהרען, מאַכען זיך ניט וויסענדיג פון דער גאַנצער מעשׂה, און פרעגען מאָטקען וואָס טהוט ער דאָ. זאָגט ער:

– מלכ׳קע כאַפּער האָט זיך אין מיר אָנגעטהון, אַ זאַק מיט פלייש, זאָגט ער, האָב איך אַרײַנגעוואָרפען אין פּאָסע.

– טו זאָל ער – זאָגען מיר – אַרויסנעהמען.

– וועל איך – זאָגט מלכ׳קע – טאַקי אַרויסנעהמען. וואָס דען מיינט איהר, איך וועל אײַך הײַנטיגס מאָל אויך אַרויסלאָזען? ניט דערלעבען ט׳איהר.

און טאַקי אָט געזאָגט און אָט געטראַסקעט: אַראָבגעוואָרפען פון זיך די זאַכען און קריכט אין פּאָסע. אָבער ניט אַזוי גיך ווערסטו, גוטער ברודער, אָנטאַפּען עפּעס אין פּאָסע. און דאָ איז אַ קעלט, אַז ס׳נעהמט דורך אַלע ביינער.

און מאָטקע שטעהט און נעהמט איהם לעבער:

– וואָס, מלך, ניט צו וואַרים די וואַסער? טונק זיך אָב, וועט דיר ווערען נאָך וואַרימער... לעג ברודער, קלאַפּטער... פאַמעלעך ניט פערסטראָמע די הענד אָן צעראָט...

דערווײַל זענען אונטערגעקומען עטליכע גוים און שטעהען און קוקען, ווי מלכ׳קע בראָדזשעט איבער׳ן פּאָסע, איטאַנצען בלוי, ווי אַ מילץ און קלאַפּט דראָב מיט די צייהן, אַז מ׳קען הערען פאַר אַ מייל.

ער זעהט ער קען ניט געפינען גיעט ער אַ געשריי צו די גוים: ע, חלאַפצי, װער סװעט מיר דאָ אַרויסשלעפען אַ זאַק מיט פלייש, װאָס אַט דער זשוליק האָט נאָר־װאָס אַריינגעװאָרפען, קריגט ביי מיר אַ פינפערעל, אויף בראָנפען, אַ צעהנערעל, אַ סוף, קריכט!

די יורקעס האָבען זיך געקראַצט אין די טשופרינעס: געה קריך אין אַזאַ הינטישע קעלט אין אַ זומפיגע װאַסער. נאָר אַ צעהנערעל װילט זיך דאָך פערדינען, האָבען זיך צװיי יאַפּעס אויסגעטהון, איבערגעצלמ׳ט זיך און גענומען בראָדזשען איבער׳ן פּאַסע.

מלכ׳קע איז דערװייל אַרויסגעקראָכען, און גענומען אָנטהון זיך. ער כאַפּט זיך—ניטאָ די פליודערען. װעמעס אַרבייט?—מאַטקעלע׳ס, אַ רוח אין זיינע ביינער אַריין! מילא, װאָס זאָל איך אייך דאָ אַ סך טאַראַבאַרען—אַ שעה נאָכאַנאַנד האָט ער אָבגעטאַנצט אָהן תחתונים, בלוי, װי אַ קעסעל, און צאַפּעלט זיך װי די נבפה װאָלט איהם װאַרפען, ביז מאָטקע האָט אויף איהם רחמנות געקראָגען און אַ זאָג געטהון:

— גיעב נאָר אַ קוק צװישען די צעראַט, מלך, אפשר װעלען זיי אויך געגאַנגען זוכען דעם זאַק פלייש.

ער גיעט אַ קוק — כ׳לעבען, זיי ליגען צװישען צעראַט.

נו, און נאַסע פליודערען, װען דער װינד שניידט װי מיט אַ מעסער, איז אויך ניט קאַשע מיט געגועגס.

און דאָ װילען שוין די יאַפּעס אויך אַרויס פון פּאַסע. ס׳איז זיי, זאָגען זיי, קאַלט... מיט אַמאָל גיעט איינער פון זיי אַ געשריי:

— יעסט! געפונען!

און אין אַ מינוט אַרום איז שוין דער זאַק געלעגען אויפ׳ן ברעג.

אַרײַנגעגאַרט אין זאַק

— נו, נאַרושאַל, וואָס וועסטו איצט זאָגן? דײַן זאַק, האַ? — פרעגט זיך מלכ׳קע.

— מײַנער — מאַכט מאָטקע — וואָס זאָל איך לײַקענען.

— איהר הערט? זײַט עדות! — רופט זיך אָן מלכ׳קע צו די חלאָפּעס.

— דאָבּרע — זאָגן זײ — גיב דערווײַל די צעהן רובל.

נעהמט מלכ׳קע און דערלאַנגט זײ אַ צעהנערעל און צו פּערטעלעך אויף בּראַנפען, און זאָגט:

— שטעהט בּראַטצי, איצט לאָמיר עפענען דעם זאַק.

נעהמט אַרויס אַ מעסער, שנײַדט איבּער דאָס שטריקעל, אַ נעהם דעם זאַק בּײַ די אויערען און קוליעט אַרויס — וואָס מײנט איהר, גוטע בּרידער? —

אַ צעהנדליג קעפּ קרויט, אײנע אין אײנע...

וואָס איז געווען דער סוף? וואָס פרעגט איהר, יאָלדען? האָט ער געקענט יאַווען זיך אין שטעדטעל נאָך אַזאַ קאָנפוז? — מען וואָלט דאָך איהם מיט דובּעסקעס פּעריאָגט. און זעליג וואָלט אײן טאָג געהאַלטען אַזאַ יאַפּעוואַטען בּײַק? ער איז אויך קײן יאָלד ניט.

אָט, גוטע בּרידער, ווי מיר האָבּען זיך אַמאָליגע יאָהרען גערעכענט מיט אַזעלכע יאָלדען: ווילסט פּאַקען פּלײש, פּאַק אַ ראַמאַטים אויפ׳ן גאַנצען לעבּען און טראָג געזונטערהײד. און הײַנט איז פּרץ בּורדע אַ גאַנצער יאַ טיעבּע־ראַס! עה, ניטאָ אַמאָליגע אַטען!.. ניטאָ אַמאָליגע יאָהרען!..

אַ בריוועלע דער טאָכטער.

I.

מלכה די קראָקעווערין, אַ אידענע, וואָס האַנדעלט זומער מיט גרינע עפּעלעך און ווינטער–מיט געפרוירענע עפּעלעך, האָט זיך שטענדיג בעקלאָגט, וואָס איהר בת־יחידה, גאָלדעלע, איז פער־וואָרפען אויף יענעם זייט ים–אין דער ווייטער אַמעריקאַ.

–וואָס איז די פּעולה, וואָס זי איז דאָרטען, קיין עין־הרע ניט, אַ „גרעפין", אַז מיינע אויגען זעהן דאָס ניט?– קרעכצט מלכה, ווישענדיג די אויגען מיט'ן ברעג פאַרטוך.

אַפילו די 5־רובעל'דיגע, וואָס די טאָכטער שיקט איהר אָפט פרעהען זי ניט.

– כ'וואָלט בעסער איינמאָל געוואָלט זעהן דעם ליכטיגען פּנים איהרען, איידער צעהן מאָל קריגען געלד, כ'שרייב איהר: „טאָכטער מיינע, שיק מיר בעסער דיין בילד, אַנשטאָט געלד"–ענטפערט זי מיר: „ליעבע מוטער, מיט אַ „פּיקטשע" וועסט דו ניט זאַט זיין"... מיינט איהר זי האָט מיר פונדעסטוועגען ניט געשיקט אַ „פּיקטשע?"...

א בריוועלע דער טאכטער.

מיר פאר איהר, וואס פאר א ליכטיגער פנים דאס איז!

מלכה'ס איינציגע נחמה זענען די בריעף, וואס קומען איהר פון דער טאכטער. שרייבען שרייבט זי ניט אפט: „אין אמעריקא איז קיין צייט ניט דא צו שרייבען”. מען איז שטענדיג „ביזי” און „ביזי”... (בעשעפטיגט), אבער קלויבט זי זיך שוין אויס שרייבען א בריעף, שרייבט זי שוין אלץ אויס: ווי דער „באס” איז צו איהר בעסער ווי צו אלע מיידלעך, ווי זי געהט נאך דער ארבייט אויף א „וואאוק” (שפאציערן), ווי זי איז געוועזען אויף א „באל”, ווי עס שדכנ'נען זיך צו איהר א סך „גייס באים” (וואהלע בחורים), וואס פאר א „דרעס” (קלייד) זי האט זיך געמאכט און וואס פאר א „העט” זי טראגט...

לעזען די בריעף פאר מלכה'ן לעזט בעני דער כלי־זמר, מלכה'ס שכן פון געגענאיבער, וועלכען זי האלט פאר דעם גרעסטען קענער, ווייל ער לייענט „ווי א וואסער” און שרייבט — „מיטין אויג ניט צו חאפען”.

האט אבער בעני די מעלה, וואס ער אליין האלט פון זיך נאך מעהר, ווי מלכה האלט פון איהם, און די גאל קען פלאטצען איידער זי בעט איהם איין איבערלייענען איהר טאכטער'ס בריעף און ענטפערען אויף איהם.

געקראגען א בריעף, געהט זי אריבער צו רייזעל די רופא'טע, ביי וועלכע בעני פערנעהמט א אלקירעל, און אויסציהענדיג דעם האלז פרעגט זי:

— ער שלאפט נאך?

— שוין אויפגעשטאנען, דער קאלבאסניק! — מאכט רייזעל בביון הויך.

מלכה רוקט אריין דעם קאפ אין טהיר פון אלקערעל, און מאכענדיג א חנפ"דיג פנים, ציהט זי זיס:

– אַ, אַ גוט מאָרגען דיר, בעניִלע! עֶפּעס זעהט מען דיר ניִט אויף דער ווייַסער וועלט...

– פערבענקט זיך נאָך מיִר? וואָס ווייַטער אַ „לעטטער" פון אייַער פּיִקטשע?" – קריִמט בעני איבער איהר טאָבטער'ס שרייַבען.

– גאָט צו דאַנקען, אָנגעקומען אַ בריִוועל. לייען נאָר, אַ טשיִ- קאַוועס איבער, בעניִלע, וואָס שרייַבט זי אַ געזונד איִן איהרע גליִעדער אַרייַן!..

– פערשפּאָרט צו לייענען, מן הסתם. ווייַטער אַ באָי מיִט אַ פּיִקטשע, מיִט אַ דרעסס... זאָגט בעני אויסוועניִג.

– נו, נו, גענוג זאָל דיִר שוין זייַן חוזק צו מאַכען פון אַ אַלטע אידענע – בעט איהם מלכה. און הענד און פיִס ציִטערען איהר.

ער זאָל זיך, חלילה ניִט פערקאַפּריִזען און גאָרניִט וועלען לייענען, ווי עס טרעפט בייַ איהם אַ מאָל, – לייען איבער, קרוין מייַנס, און שרייַב מיִר טאַקי גלייַך אָן אַנ'ענטפער. זייַ אַ גוטער!...

– אַזוי, איבערלייענען און אָנשרייַבען?.. טאַקי שוין אויפ'ן פּלעקעל? אַנדערש ניִט! וואָס מייַנט איהר, מעהר האָב איך טאַקי ניִט וואָס צו טהון, האַ?

– בעניִלע, טייַערינקער! וואָס האָט דאָס בייַ דיִר פאַר אַ ווערט? איין מיִנוט – ביִזט דו דאָך פאַרטיִג.

בעני'ן איז געפעלען, וואָס מען האַלט איהם פאַר אַזאַ גרויסען שרייַבער, נאָר ער מאַכט, פונדעסטוועגען, דעם אָנשטעל נאָך גרעסער.

– טאַקי? אין איין מיִנוט! איהר מוזט, אַפּניִם, מייַנען, אַז אַ בריִעף שרייַבען איז עפּעלעך פערקויפען; כ'וואָלט געוואָלט זעהן, ווי איהר וועט זייַן אַזאַ בריה און אָנשרייַבען איִן איין מיִנוט אַ בריִוועל...

א ברױוועלע דער טאָכטער.

– איך? ווי קום איך? ע, ווען איך האָב דײַן קאָפּ מיט דײַן פּעָן, – וואָלט איך אַלע טאָג געשריבען גאָלדעלען, זאָל געזונד זײַן, אַ בריעף אויף צעהן בויגען – חנפ׳ט איהם מלכּה.

– ניט ווייניגער, ווי צעהן בויגען? אַ יענטע, בלײַבט אַ יענטע! – ווערט בעני אין כּעס, וואָס מלכּה מאַכט די קונסט פון שרײַבען פאַר אַזאַ גרינגע זאַך – איך קען קײַן איין בויגען אויך ניט שרײַבען, און געהט אײַך געזונדערהייד...

מלכּה קען שוין דעם „טרפה׳נעם בײַן” מיט זײַנע משוגעת׳ן, נעהמט זי זיך צו איהם אויף אַ אַנדער אופן.

– אײַ, בעָנילע, ביזט דאָך גאָר ניט אַזאַ שלעכטער, ווי דו מאַכסט זיך... איך געה אַנומאָלט אַרײַן צו מלך באַנדורע, הער איך ווי ער זאָגט צו זײַן פּערלע׳ן: „אַזאַ גאָלדענעם בחור ווי בענדעט׳ן וועסט מיט טויזענד רובל נדן ניט קריעגען... ווען איך האָב כּח אויפצוהויבען חאָטש אַ פינף הונדערט קערבלעך, וואָלט איך איהם שוין אַרײַנגעחאַפּט פאַר אונזער גיטל׳ן.”

בעני ווייס אַפילו, אַז מלך באַנדורע, וואָס האַלט די קאַפּעליע, רופט איהם ניט אַנדערש, ווי „פּיאַניצע” און „קאָלבאַסניק”. נאָר דאָך, ווילט זיך איהם גלויבען, אַז מלך וויל איהם טאַקי אַרײַנחאַפּען פאַר אַ איידעם, און ער הירזשעט פון שמחה:

– אַזוי האָט ער טאַקי געזאָגט? הע, הע, הע!...

– נחת זאָל איך אַזוי אָן דיר דערלעבען!.. שווערט זיך מלכּה – ווען איך האָב איהם פאַר אַ איידעם, זאָגט ער, וואָלט איך געוואוסט, אַז אונזער גיטעל וועט האָבען ברויט צו זאַט, און איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, וועט די קאַפּעליע זײַן אין רעכטע הענד”...

– מלכּה, איהר „באָנצעט” ניט? – פאַלט בעני׳ן מיט אַ מאָל איין אַ חשד.

— גאָט איז מיט דיר, בעניל׳ע, װאָס׳ער אַ מאָדנער מענש דו ביזט! ס׳איז מיר עפּעס אַ נפקא־מינה? נאָר זאָל איך שוין אַזױ דער־לעבען נחת פון גאָלדעלען, זאָל געזונד זײַן, װי ער האָט װעגען דיר גערעדט אפשר אַ האַלבע שעה נאָכאַנאַנד — שװערט זיך מלכּה, קלעהרענדיג אין האַרצען: „זאָל דיר נאָר מקוים װערען אַ צעהנטעל פון די קללות, װאָס ער האָט אין דיר אַרײַנגעלעגט, טאַטע זיסער, װעל איך ניט דאַרפען אָנקוקען דײַן טרפה׳נעם פּנים״...

— און מיר אין די אױגען, װעט ער קײנמאָל אַ גוט װאָרט ניט זאָגען, די באַנדורע, אַ רוח אין זײַן טאַטע׳ס קינדער אַרײַן!

— בכיון, בעני׳לע, בכיון! — שמועסט איהם אײַן מלכּה — ער װיל דו זאָלסט זײַן בײַ זיך געפאַלען, װעט איהם, מײנט ער, גרינגער אָנקומען אַרײַנהאַפּען דיך פאַר אַ אײדעם...

— האָט ער טאַקי געזאָגט: בעני איז אַ װאָהלער יאַט? — װילט זיך איהם נאָך אַ מאָל הערען, װי מלך באַנדורע האָט איהם געלױבט...

— אַזױ פיעל גוטע יאָהר מיר, װיפיעל מאָל ער האָט דײַן נאָמען דערמאָהנט!

— און װאָס האָט זי געזאָגט, די מרשעת, פערעלע?

— זי? זי זאָגט: אודאי װאָלט עס געװען אַ גליק, אַ בחור, װי אַ סאָסנע... און אַ געראָטענער: אַ נאָט אָנשרײַבען, צי אַ בריװועל — איז ער דאָך אײן מזיק...

— װאָס דען? די יאָלדען קענען עפּעס? — װערט בעני אױף אַן־אמת שטאָלץ בײַ זיך — מיר, אַז מיר גיעבען זיך אַ זעטץ אַנידער װערט בײַ אונז פאַרטיג אַ בריװועל — אײנס, צװײ!...

זעהט מלכּה, אַז דער שעת־הכּושר איז געקומען, און מאַכט, װי פערבײַגעהענדיג:

א ברייוועלע דער טאָכטער.

— כ'ווייס ניט, וואָס? אין פינף מינוט ווערט ביי דיר פאַרטיג א ברייוועל צו מיין גאָלדע'לען.

— א בעטרעף א גרויסער! זאָגט מיר נאָר, וואָס איהר ווילט שרייבען, קאָטעווע איך דאָס אָן אין איין מינוט...

— אזא יאָהר אויף מיר, וואָס פאַר א גאָלדענער בחור דו ביזט, בענילע, נאַ, נאַ, שרייב טאַקי אָן...

און אַרויסשלעפּענדיג פון אונטער'ן פאַרטוך א אויפגעוויקעל־טען בויגעלע פּאַפּיער און א קאָנווערט, וואָס זי האָט שוין לאַנג געהאַלטען אָנגעגרייט, און א פלעשעל בראָנפען, אָהן וועלכער בעני האָט זיך קיינמאָל ניט געזעצט שרייבען איהרע בריעף, רוקט זי ביידע זאַכען צו צו איהם, און ווינשט צו נאָך א מאָל:

— דינען זאָלען דיר די הענד דיינע, טאַטע זיסערז...

II.

— נו, „פּערוויים דיעלאָם“ וועט מען אַריינגיסען אין לאָמפּ... און איצט זאָגט, וואָס איהר ווילט שרייבען.

ביי מלכה'ן זענען די אויגען גלייך פול געוואָרען מיט טרעהרען, די נאָז איז מיט א מאָל געוואָרען רויט און ווי אָנגעשוואָלען... און אונטערשפּאַרענדיג די לינקע באַק מיט איין פינגער, און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, האָט זי אויף א דין קוליכבעל אָנגעהויבען אויסצוזינגען:

— מיין ליעבע, טהייערע טאָכטערעל גאָלדעלע לעב וואָהל אָמן סלה! ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז איך בין, גאָט צו דאַנקען, אין בעסטען געזונד, ניט ערגער פון דיר צו הערען אויף עוויג און אימער... די 5 רובל, וואָס דו האָסט מיר געשיקט, האָב איך מיט פיעל גליק ערהאַלטען... גאָט דיר געב...

– ווארט, ווארט, זעה ווי זי האט זיך צולאזט! – האט איהר בעני איבערגעשלאגען אין מיטען – איהר מיינט, א פנים, ס'איז אייער אמעריקאנקע, וואס שרייבט דארטען אויף מאשינעס... דא איז ניט אמעריקע... לאזט דעם אטהעם אבחאפען.

און אבחאפענדיג דעם אטהעם מיט צוויי גלעזלעך בראנפען, איינס נאך דאס אנדערע, האט ער איינגעטונקט די פעדער, גע-דרעהט זי איבער'ן פאפיער, צוגרייטענדיג זיך אוועקצושטעלען דעם ערשטען „למד"... פון זיכערהייט וועגען האט ער אויסגעטרונקען נאך א גלעזעל, אויפגעשריבען: „צו מיין פיעל געליעבטע און האב-געשעצטע טאכטער, גאלדעלע, לעב וואהל אימער אונד עוויג", – און האט זיך פערטראכט.

אין קאפ האט איהם געשווינדעלט און פאר די אויגען האבען זיך געדרעהט אלערליי רעדער. יעדעס מאל, ווען ער פלעגט אנ-בויגען דעם קאפ און אונטערשפארענדיג די באק מיט'ן צונג, קלייי-בענדיג זיך שרייבען ווייטער, – פלעגט איהם דאס בלוט א שפאר טהון אין קאפ אריין און די אותיות אויפ'ן פאפיער פלעגען צוזא-מענגעגאסען ווערען אין איין גרויסען פלעק; די גרינליכע פלעשעל האט, דוכט זיך, אנגעבויגען זיך צו איהם און דער קעלישעק אויף דער דינער פיסעל האט שעלמיש געוואונקען...

דורכצולייטערען דעם קאפ, האט בעני געמאכט נאך א שנאפס און, פלאנטערענדיג מיט'ן צונג געפרעגט:

– נו, גרא-רא-פיניע פא-פא-טאצ-קע, וו-וואס ווייטער שרייבען?

– שוין אנגעשריבען (נאט דיר ניעב פיעל גליק בעגילע?)

– אנגע-שריבען... דבר ווייטער...

מלכה האט פערצויגען די ליפען, אבגעזיפצט און ווייטער דיקטירט:

„און איך בעט דיך טאָכטערקע, היט דיין שוואַכען געזונד... פראַצעווע ניט איבער די כּוחות; די וועלט קען מען ניט איינרייסען... למען השם—ווינטער טראָגען די וואָלענע זאָקען און דעם וואַטאָווען לייבעל, וואָס איך האָב דיר מיטגעגעבען... דו ביזט דאָך ביי מיר אַ שוואַכינקע און אַ איידעלע, קרוין מיינס"...

מלכּה האָט דיקטירט און קושקע איז געלאָפען מיט די דינע בלי־זמר'שע פינגער איבער'ן פאַפיער, שטאַרק סאָפּענדיג מיט'ן נאָז און פינטלענדיג מיט די אויגען. געענדיגט, האָט ער אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ און צווישען די ציינער אַרויסגעקוועטשט:

— ווי־ווייטער... כ'חלש שלא־אָפען...

און צולעגענדיג דאָס פלעשעל צום מויל, האָט ער גענומען בולבען דאָס לעצטע ביסעל בראָנפען, אין מיטען אָבגעריסען זיך פון איהר און איילענדיג אַריינגעוואָרפען:

— כ'הערר... זאָגט ווי־וואָס ווילט איהר ווייטער שרייבען...

מלכּה האָט זיך פערטראַכט. זי האָט אַזוי פיעל צו זאָגען איהר גאָלדעלע'ן; זי וואָלט געוואָלט אויסגיסען איהר אָנגעוועהטאָגט האַרץ פאַר איהר קינד און חאָטש מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַן עצה בעשיצען איהר בת־יחידה פון אַלדעם בייז אין דער פערוואָרפע־נער מדינה... אָ, ווען זי וואָלט אַליין געקענט שרייבען, וואָלט זי שוין געוואוסט וואָס צו שרייבען, אָבער דאָ, מיט דעם קאָלבאַסניק...

— ניט־טאָ אַביסעל בראָנ־פען? — האָט זיך בעני דערמאָנט.

מלכּה האָט זיך דערשראָקען אָט, אָט שלאָפט ער איין, ווערט זי גאָר ניט האָבען ווער ס'זאָל איהר ענדיגען דאָס בריוועל. און טיעף אָבזיפצענדיג האָט זי מיט אַ ציטריג קול, ווי צו זיך אַליין גערעדט:

— ווייטער, מיין ליעבע טאָכטערקע, דאַרפסט דו וויסען,

אַז דו ביזט שוין אַ מיידעל ניט קיין יונגינקע, קיין עין־הרע... און איך, די אָרימע מאַמע דיינע, קען דיר גאָר ניט העלפען. וועה צו מיינע יאָהרען! זעה־זשע, קרוין מיינס, זוך זיך אוים דיין בעשערטען זיווג און האָב חתונה, ווי גאָט האָט געבאָטען... אַ בראָך צו דער מאַמע'ן, וואָס קען איהר איינציג קינד צו דער חופה ניט פיהרען!..

— אמממת! אַ בראָך־אַך צו'ר ממאַ־אמען! — האָט בעני אַריינגעוואָרפען.

— „נאָר זעה, גאָלדעלע, — האָט מלכה ווייטער וויינענדיג גע־רעדט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, ווי ביי אַ תחינה לייענען, — זעה, זאָלסט, חלילה אין שלעכטע הענד ניט אַריינפאַלען... דער עיקר, ער זאָל זיין אַנ'ערהרליכער איד און אַ גוטער מאַן...

בעני האָט שוין לאַנג ניט געהערט, וואָס מלכה רעדט. מיט פערלאָפּענע אויגען האָט ער געקוקט אויף מלכה'ן, ווי זי שטעהט פאַר איהם, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און בעוועגט מיט די ליפען. אין די אויערען האָט איהם געהווזשעט און אין זיין שיכור'ן קאָפּ האָבען זיך איהם געפּלאָנטערט מלכה'ס ווערטער צוזאַמען מיט אַלטע, פערוואַלגערטע און אָבגעריסענע געדאַנקען. אָט איז גאָלדע, מלכה'ס טאָכטער אַ מיידעל אַ בּרען, וואָס פלעגט זיך שטענדיג רייצען און לאַכען פון איהם... אָט איז זלאַטקע, ביניס דעם בדחנ'ס טאָכטער, וואָס האָט פון איהם געהאַט אַ קינד און איז דערנאָך נעלם געוואָ־רען פון שטעדטעל; אָט איז בייל'צע, אַ גראָבע מויד און אַ נאַרישע, וואָס האָט איהם אַזוי פיעל צרות אָנגעטאָן... אין מיטען פּלאָנטערט זיך מלך באַנדורע אין קאָפּ...

— דו הערסט, בעניל'ע, וואָס איך זאָג? — האָט איהם מלכה געצופּט פאַר'ן אַרבּעל, — דער עיקר, זי זאָל זיך היטען פון שלעכטע הענד... אַזוי זאָלסט דו איהר טאַקי שרייבען: דער עיקר, מיין

א ברױװעלע דער טאָכטער.

ליעבע טאָכטערקע היט זיך, זאָלסט חלילה, אין שלעכטע הענד ניט אַרײַנפאַלען".

— ג־גוט, גוט... איכ'ל ש־וין אַלײַן אָנשרײַבען.

און טיעף אָנבויגענדיג זיך איבערען טיש, האָט ער מיט אַנ'אומזיכער האַנד געפיהרט איבערען פאַפיער. „ביזט דאָך בײַ מיר אַנ'אײַדעלע פריצ'טע, ניט געלאָזען צורירען זיך... זעה זאָלסט טראָגען דער מאַמע'ס זאָקען מיט די װאַטאָװע לײַבלעך... מיר פאַר דיר! אַ בראָך צו דיר... צו דער מאַמע'ן װאָס קען איהר טאָכטער צו דער חופּה ניט בעגראָבען... און זעה זאָלסט אין בײזע הענד ניט אַרײַנ־פאַלען... אַזאַ מאַן װי בענדעט דער כלי־זמר װעסט דו מיט טױזענד רובעל נדן ניט קריעגען... ער געהט אױס נאָך דײַנע בײנער... אַנ'ערדליכער איד און אַ גוטער מאַן זאָל ער זײַן... זאָלסט מיר ניט זײַן װי זלאַטקע בינים'ס, װאָס טראָגט פינגערלעך מיט בראָנזעלעטען אין „בונעסײַרע"... פון פראַצע אָנקלײַבען אַ רובעל... קום אַ הײם... בעני װעט דיך נעהמען, װי דו שטעהסט און געהסט... ער'ט װאַרטען אױף דיר ביזן גרויען צאָפּ אַרײַן... דײַן „באָס", אַ רוח אין זײַן טאַטע'ן אַרײַן, שפּײַ אָן אַ פולען פּנים... הענד און פיס דאַרף מען איהם צוברעכען מיט מלך באַנדורע אינאײנעם... זעה, היט דײַן שװאַכען געזונד, װי עס װינשט דיר דײַן האָבנעשעצטע און פיעל געאַכטעטע מוטער

מלכה קנוריק".

— געקאָנטשעט! מעהר שרײַב איך ניט, — האָט בעני אָנגעזאָגט־צאָר דעם אַדרעסעל און פאַרטיג.

און אָנשרײַבענדיג מיט מאַטערניש דעם „אַדרעסעל", האָט ער זיך אַ װאָרף געטהון אױפ'ן האַרטען באַנק און אָנגעהויבען כראָ־

פֿען, מלכּה האָט געחאַפּט די פּאַטשײַלע אויפ'ן קאָפּ, און אָהן אַ אָטהעם געלאָפֿען אַראָבּלאָזען אין בּריעף־קאַסטען אַ בּריװעל דער טאָכטער...

ז. װענדראָף.

אַ נסָיוֹן.

I.

הערבסט און פֿריהלינג, זומער און ווינטער, אין אַלע וועטערען, טאָג איין טאָג אויס, שטעהט דער אַלטער זעליג אויף איין און דעם זעלבען אָרט און „האַנדעלט”.

אויף אַ שטריקעל, וואָס איז איבערגעוואָרפֿען אַרום זיין קאַרק, העננט אַ ברעטעל, און אויף איהר איז אויסגעלעגט דאָס גאַנצע קרעמעל זיינם.

עס ליעגען אויף איהר אין אונאָרדנונג אָנגעוואָרפען: בלע= כענע הויזען=קנעפּלעך, מיט פֿערראָסטעטע אויערלעך; לייווענטענע וועש=קנעפּלעך, שמוציגע אַרום די ברעגען, העקלעך און „פֿעטעל= קעס”, אָנגענעהט אויף צוּבראָכענע טאָוועלעך; אַ פֿערטריקענט שטיקעל זייף מיט אַ סך פֿליעגענצייכענס בעדעקט; אַ שאַכטעלע שוה'וואַקס, פֿון אויבען פֿערשטויבט, און אינוועניג – צושפּאָלטען און אויסגעטריקענט; אָבגעבלאַקירטע בריוועלעך נאָדלען, משונה= גרויסע האָהר=שפּילקעס, פֿינגערהוטען און שוועבעלעך... עס הענגען אַראָב פֿון ברעטעל עטליכע פּאָר שיך=בענדלעך, אַפּלאָנ=

טער נעה־פּאָרעם. זשמוטלעך בּוימוואָהל, זאָקען צו צירעווען, און נאָך אַזעלכע סחורות, וואָס ער געדענקט שוין אַליין ניט, ווען ער האָט עס געקויפט...

געהט פערבּיי אַ אידענע, שטעלט זי זיך אָב, בּעטראַכט דאָס קאַרטעל קנעפּלעך פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט, פערציהט מיטן נאָז, פערקרימט מיט די ליפּען, פריהער פון לינקס אויף רעכטס, דערנאָך פון רעכטס אויף לינקס, לעגט צוריק אַוועק די קנעפּלעך, נעהמט זיך פערנאַנדער־פּלאָנטערען די פּאָרעם, און אַליץ ניט רעדענדיג אַ וואָרט. —

לויפט פערבּיי אַ דיענסט־מיידעל — אַ גיעבע שליחות אויס־צופיהרען, — פערהאַלט זי זיך נעבען זעליג'ן, מעסט אָן אַ פינגער־הוט, פּאַסט זיך צו אַ פערשימעלטע בּראָשקעלע, כאַפּט אַקוק אין דאָס קרומע שפּיגעלע, טאַפּט דורך די האָהר־שפּילקעס און לויפט אַוועק, וואַרפענדיג אויפ'ן גאַנג: „שפּעטער קומען... די מאַדאַם ט'מיר נ'טויט מאַכען!“.

קומט צו אַ זעלנער, און מאַטערט זיך עפּענען דאָס פער־ראָסטעטע שוהוואַקס־שאַכטעל, קען ער ניט, שמעקט ער זי אַרום פון דרויסען... גריבּעלט זיך מיט'ן שוואַרצען נאָגעל פון גראָבּען פינגער אין דאָס האַרטע שטיקעל זייף, פרעגט: „איז ניטאָ אָפּט אַ געדיכטער קעמעלע“? גענעצט הויך און לאַנג, צלמ'ענדיג בּשעת מעשה דאָס מויל, קראַצט געלאַסען די „פּאַטעלניצע“, קוקט מיט די וואַסערדיגע אויגען אין דער וועלט אַריין און קלערט, ווי ציהט מען דאָ צו דאָס שטיקעל זייף... פרעגט, פון יוצא וועגען: „וועסט, אפשר, געבען אַמאָל פערויכערען“? — און געהט ווייטער אַוועק מיט פוילע טריט.

זעליג וויים, אַז דאָס זענען קיין קונים ניט, רעדט ער ניט

מיט זיי. אט, זייגער ניין, וועלען זיך אנהייבען בעוויזען ריכטיגע „קונדען”, וועט ווערען פרעהליכער.

דער ערשטער לויפט דורך דער זייגער־מאכער; כאפט, פערביינעהענדיג, א שאכטעל שוועבעלעך און ווארפט אויפ׳ן ברעטעל צוויי קאפיקעס. נאך איהם קומט דער וויין־הענדלער, נעהמט אויך שוועבעלעך, לעגט אוועק דריי קאפיקעס און זאגט שטענדיג דאס זעלבינע: „רעשטע — אנ׳אנדערש מאהל, האב איך ביי אייך”... און קוקט בשעת מעשה אויף זעליגען:

„א פיינקייט פון מיר, הא?”...

שפעטער צו, בעוויזט זיך דער אלטינקער, וואס אלע רופען איהם „באנקיר”, געהט געלאסען צו, שמייכעלט פריינדליך, קינדעריש און מאכט גוטמוטהיג און ווי האלב שעמעוודיג!.

— גוט מארגען... געה איך מיר שפאצירען... א מחיה׳דיג וועטער היינט, א?... אך־אך־אך... נו, וואס האסט דו דא? ווייז נאר דיינע שיך־בענדלעך... לאמיר אקארשט אויספוצען מיינע איינקלעך,.. גיעב־זשע א צוויי פאר...

לעגט אוועק א צוואנציגער און שארט ווייטער מיט די אלטע פיסעלעך, פערגעסענדיג אפט צונעמען די שיך־בענדלעך... טהיילמאל, שטעלט זיך אב א גוטהארציגע „מאדאמישע”, גריבעלט זיך לאנג ביי זיך אין בייטעלע, לעגט אוועק א בלאנקען נייענקען גראשעלע, און נעהמט גאר קיין „סחורה” ניט.

זעליג נעהמט צו דעם נראשען — מען קען דאך יענעם צוריק אין פנים ניט ווארפען... — אבער צופריעדען איז ער ניט: קיין נדבות וויל ער ניט...

אז דער זייגער־מאכער און דער וויין־הענדלער דארפען ניט יעדען טאג אזוי פיעל שוועבעלעך, און אז דעם אלטען

באַנקיר'ם אייניקלעך זעהען זײַנע שיך=בענדלעך אין די אויגען ניט אָן -- וועגען דעם קלעהרט ער ניט...

גוטע מענשען צאָהלען צו דרײַ און פינף קאָפּיקעס פאַר איין שאַכטעל שוועבעלעך און צו 10 קאָפּיקעס פאַר אַ פּאָר שיך=בענדלעך – ס'איז גאָר קיין חידוש ניט: אַ גביר האָט ליעב, וואָס טהײַערער... זאָל ער זיך אָבזאָגען?.. אָבער קיין נדבות בעט ער ניט!..

אָט, נאָר, ווען אויף דער שטענדיג=פערהאַנגענער פענסטער פון דער „מומע'ס" וואָהנונג געגען=איבער, הויבט זיך אויף אַ ווינקעל פון דאָס רויטע פאָרהאַנגעל, און אַ מיידעלשע האַנד רופט איהם, ער זאָל אַרײַן אינוועהניג, – פיהלט ער זיך נידריג און מיט זײַן האַנדעל אונצופריעדען.

און ווען ער קומט צו צום טהיר, קוקט ער זיך אַרום, צי זעהט איהם ניט ווער אַרײַנגעהענדיג אַהין; ער ווייס, אַז קיינער וועט איהם ניט חושד זײַן, אַז ער געהט אַהין זינדיגען, דאָך שעמט ער זיך, אַקוראַט ער וואָלט געגאַנגען גנב'ענען; ניט שעהן מען זאָל אַנ'עלטערין אידען זעהן אין אַזאַ אָרט אַרײַנגעהן, אַפילו פון פרנסה וועגען... פאַר גאָט אויך ניט רעכט, פון אַזעלכע ברויט צו עסען... אָבער לעבען מוז מען דאָך.. שבת, יום=טוב מאַכען... קינדער אין חדר געבען... אָך – אָך – אָך – די „פרנסה" די פינסטערע!..

און צאָהלען – צו גילדען אַ פּאָר בענדלעך צאָהלען זיי! און שוועבעלעך נעהמט מען – אַזוי ווי מען וואָלט געהייצט מיט זיי... זוכען פאַר איהם אָפּט אויס אַ גאַנג – אַנ'אויסרעד אַ האַלבען רובעל צו געבען... יעדען פרײַטאָג – אַ חזקה: מען שיקט איהם רופען אין שטוב אַרײַן, דאָרט איז שוין פאַר איהם אָנגעגרייט

אַ קײַשעל פול מיט אַלדעס גוטס. קלעקט אויף אַ האַלבע וואָך פאַר ס'גאַנצע הויז־געזינד... און מיט אַזאַ גוט אויג גיעט מען עס, אַקוראַט ער וואָלט זײַ אַ מתנה געשענקט.

– נעהמט, פעטערקע, נעהמט, עסט געזונטערהייד: איהר און אײַערע קינדערליך.

– און בײַם דאַוונען, האָט אונז, זינדיגע, אויך אין זינען – בעט איהם די מומע אַרײַן.

– זײַדעלע, ווען האָבען מיר תשעה־באָב? – רײַסט מען איהם פון אַ צווײַטען זײַט.

– מעג איך נאָך מײַן מאַמע'ן יאָהרצײַט שטעלען? זי איז געווען אַ כשרה אי דענע...

– אמת, אונזערע אײגענע לעגט מען הינטערען פלויט?...

– מײנסט מיר'ן זיך קײנמאָל ניט אויסלײַטערען!.. טרײַסט אײנע זיך אַלײן מעהר, ווי איהרע חבר'טעס.

– און אַז איביל זיך סמין, וועט איהר זאָגען קדיש נאָך מיר, פעטערעל?... אָט נאַט אײַך שוין פאָראויס צוואַנציג קאָפּיקעס... – לאַכט היסטעריש די שוואַרצינקע, וואָס פרעגט זיך שטענדיג נאָך אויף זײַנע קינדער, וועלכע זי קען גאָר ניט...

און עס ציטערט אַזוי דאָס האַנד, וואָס גיעט די 20 קאָפּיקעס... טרעהרען פיהלט זיך אין איהר אָבגעריסענעם געלעכטער...

גאָר ניט הײמיש דאָ!...

פון אַלע זײַטען פרעגט מען איהם, פון אַלע טהירען קוקען אויף איהם אויגען ברענענדיגע, פול מיט זובענדיגע נײַגעריגקײַט, אויגען אויסגעלאָשענע, אין וועלכע ס'בליצט, צײַטענווײַז אויף אַ פונק פון אונדײַטליכע האָפנונג... מיט איהם רעדען זײַ פון

אזעלכעס, פון וואס זיי רעדען מיט קיין אנדערע מאנסבילען ניט; פון דאס, פון וואס זייערע הערצער וועהטאגען; ערוועקט אין זיי געפיהלען, וואס דרעמלען אונבעוואוסט אין זיי... ער איז ניט קיין „גאסט", — ער איז א „פעטערעל" — א ליעבער, פרומער איד, וואס נעהמט צו זייערע נדבות און בענשט זיי אן אזוי הארצענדיג... ער וועט, פילייכט, ביים דאווגען דערמאנען זיי פאר גאט, — פאר גאט, וועמעס נאמען זיי דערמאהנען אפט צווישען א קללה און א מיאוס ווארט, אבער פאר וועמעס משפט — דאס זענען זיי זיכער — זיי וועלען זיך מוזען שטעלען א מאל...

און זיי רינגלען איהם ארום אלץ ענגער, און פרעגען איהם אלץ דרינגענדער, ווילען הערען אווארם טרייסט־ווארט, וואס זאל ערוועקען א שטיקעל האפנונג, וואס זאל וויילען, ווי א שעהנע מעשה־לע, פון די קינדער יאהרען, פון וועלכע זיי רעדען ניט, אבער נאך וועלכע כמעט יעדערע בייגקט אין דער שטיל...

און זעליג שטעהט, ווי א בעגראבענער און ווייס ניט, וואו די אויגען א הינצוטהון.

יעדעס מאהל, ווען זיי קלייבען זיך ארום איהם בעשליסט ער פעסט ביי זיך: „דאס לעצטע מאהל! מעהר קום איך ניט... כדאי שבת מיט א הערינג אויסקומען — נשקשה, גאט וועט מוחל זיין — פון „אזעלכע", נעהם איך מעהר ניט!...

ברענגט ער דאס קיישעל אהיים, גיעט ער עס איבער דער וויב מיט א ברוגז־פנים; נעהמט זי צו, יעדעס מאהל בענשינדיג.

— דיענען זאל די האנד וואס שיצט נויטבעדערפטיגע...

און ער זיפצט אָב און קלערט בײַ זיך: „אתנן זונה, ווער איז מיר!... ווען זי ווײַס דערפון"...

II.

אײנמאָל, אַ דאָנערשטאָג בײַנאַכט, האָט זעליג אַ הײם קומענדיג דערפיהלט, אַז ס'איז איהם קעלטער ווי אַלעמאָל. אויף מאָרגען פריה האָט ער שוין ניט געקענט דעם קאָפּ אויפהויבען.

פרײַטאָג פריה, איז ווי געוועהנליך, דורכגעלאָפען דער זײַגער־מאַכער, און ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן מיט די צוויי קאָפּיקעס, וואָס ער האָט געהאַלטען אָנגעגרײט; דער ווײַן־הענדלער האָט אַ טראַכט געטאָן: „איך גער שוין אין געשעפט, און ער שלאָפט נאָך, דער פריץ... אַ פוילע חברה!"... און דעם אַלטינקען האָט זיך געדוכט, אַז עס פעהלט איהם וואָס, און ער האָט ניט ווילענדיג, אַ קלער געטאָן: „ניט קײן גוטער סימן... שוין יאָהרען לאַנג, אַז איך גיעב איהם יעדען טאָג אַ צוואַנציגער". אָבער לאַנג געטראַכט פון איהם האָט קײנער ניט.

נאָר די „מומע" האָט זיך אונרוהיג מיט די מײדלעך איבערגערעדט:

– וואָס קען דאָס זײַן, וואָס דער „פעטערעל" איז ניט אַרויסגעקומען?

און וואָס טהוט מען דאָ? זי האָט דאָך פאַר איהם לכבוד שבת הלה אָנגעגרײַט, פיש לעבעדיגע, אַ פּאָר פונט פלײש און פאַר די קינדער פוטערגעבעקס. זאָל זי בלײַבען דערמיט אויסגעשטעלט?

און עס דוכט זיך איהר, אז אויב זי וועט היינט זעליג'ן אויף שבת ניט געבען, וועט זיך פון איהר הויז דאָס מזל אַבטהאָן...

און נאָך האַלבען טאָג, ווען זעליג האָט זיך נאָך אַלץ ניט בּעוויזען, האָט זי זיך נאָך אַמאָל דורך גערעדט, מיט די מיידלעך, און ס'איז געבּליבען מען זאָל איהם, מיט דאָס דינסט-מיידעל, דאָס קיישעל אַהיים שיקען.

זעליג איז געלעגען אויפ'ן בּעטעל, און האָט פון היץ אויס געטענה'ט זיך מיט דער וועלט.

ער האָט גראָד געהאַלטען בּיים וויין-הענדלער, ווען דער „טומעס" מיידעל איז אַריין אין שטיבּעל און האָט אין איין אָטהעם אויסגערעדט:

— די-מ'דאָס-ט'איך-ס'קיישעל-געשיקט... געזונטערהייד עסען, איהר און אייערע קינדער...

זעליג איז שטיל געוואָרען און האָט זיך גוט איינגעהערט אין דער שטימע, וואָס איז איהם פאָרגעקומען ווי קענטליך. מיט אַמאָל האָט ער זיך אויפגעזעצט, איינגעקוקט זיך מיט פערלאָ-פענע אויגען אין דאָס מיידעל מיט'ן קיישעל אין האַנד, און זיין פּנים האָט אָנגעהויבּען רויט און בּלאַס ווערען... דריי מאָהל אויפגעזעצט זיך און צוריק געפאַלען אויפ'ן רוקען, מיט די דאַרע פינגער אָנגעהאַפּט זיך אָן דעם בּרודיגען קישען און ניט אָבגעלאָזען; און קייכענדיג, און הוסטענדיג איינציגע ווערטער, צוואַמען מיט שוים, אַרויסגעוואָרפען.

— וו-ווער געשיקט!?... וועמ-מען געשיקט?.. מיינסט, כ'קען דיך נ-ניט?... מחותנת'טע מיט מיר!.. זעליג איז קיין הולטיי

ניט!.. אַ, לייַ־דאַצקעס־אויסוואורפען!.. טאַטע אַ סופר געווען...
אַ כשר׳ער איד.. אַזאַ פּאַסקודסטווע גאָר... מיר נרב... מתנות שיקען...
זאָג זיי, פייגע, דו נאַרישע אידענע, זאָג זיי: מיר׳ן זיי דעם קאָפּ
צושפּאַלטען!.. גוטע לייט ווייסען ניט... אַר־רויס פון דאַנען,
הולטייַקע דו!.. זעליג וועט מיט לייַדאַצקעס־אויסוואורפען קיין
מגע־ומשא ניט האָבען אַ העזה אַ ביסעל... אַר־רויס!..

אויסגעשריען און איז צוריק מאַכטלאָז אַנידערגעפאַלען
אויפ׳ן ברודיגען קישען.

און נאָך לאַנג נאָך דעם ווי דאָס מיידעל איז אַ צושראָקענע
אַרויסגעלאָפען פון שטוב, — האָט זעליג די וועלט איינגעלעגט, און
געשוואָרען זיך ביי זיין אידישקייט, אַז ער וועט זיך נאָך מיט די
„לייַדאַצקעס־אויסוואורפען" אָפּרעכענען...

פייגע האָט געבראָכען די הענד און מיט׳ן בריגע פאַרטוך
געווישט די טרעהרען פון די אויגען:

— „פון הינט רעדט ער נעבעך"...

ווען זעליג איז געזונד געוואָרען און איז אויפ׳סניי אַרויס
אויף זיין אַלטען פּלאַץ, האָט ער ווידער פערקויפט דער „מומע׳ן"
מיט די מיידלעך בענדלעך און שוועבעלעך, און יעדען ערב
יום־טוב אַרויסגעטראָגען פון דאָרטען אַ קיישעל פול מיט
אַלדעם גוטס...

דער בעל־תשובה.

I.

ווען בונים קאלטען האט זיך, נאך דער שרפה. ארויסגעלאזען אויף דער וועלט, האט ער ביי זיך בעשלאסען אזוי: ווי נור ער קלייבט צונויף א קערבעלע דריי הונדערט, אזוי קומט ער צוריק אהיים, און ווערט ווידער בונים ר׳ נפתלי דיינ׳ס.

עס פלאמט איהם אזוי אויף דער פנים, וואס ער איז געקומען צו דער מדרגה פון א פושט־יד, נאר וואס זאל ער טהון, אז ער איז ארויס פון דער שרפה, רחמנא לצלן, נאקעט ווי די מאמע האט איהם געהאט? זאל ער זיך לעגען און שטארבען, שונאי־ישראל, מיט ווייב און קינדער? וועט ער פאלגען וואס מנוסע זיינע זאגט: אוועקלאזען זיך אין די מרחקים – הייסען וועט עס, ער איז געפאהרען אין וואהלין זוכען א קנעלונג – וועט אויפקלייבען א פאר הונדערט קערבלעך, מען זאל קענען צוריק שטעלען זיך אויף די פיס. דער פלאץ איז דאך איהם פערבליבען, וועט ער אויפשטעלען א שטיקעל שטיבעל – א דירה׳לע פאר זיך – א פאסיק אויף א גערטעל, צו פערזייהען א קארטאפעל מיט א ציבעלע, וועט אויך בלייבען הינטערען

שטיבעל, עטליכע קערבלעך וועט מען מוזען אראָבקוועטשען, מנוסע אַל ווייטער קענען האַלטען — טאַקי בײַ זיך אין שטיבעל — אַ שטיקעל קרעמעל, און ער וועט, ווי געווען, זיצען אין בית־המדרש און לערנען.

אָבער דאָס גאַנצע לעבען אַרומגעהן איבער די הײַזער, מאַ־כען שנאָרערײַ פאַר אַ פרנסה — חלילה!

איז ער אַוועק צום רב, צו ר׳ נח׳לען, וואָס איז געווען אַ ידיד־נאמן פון זײַן טאַטען ר׳ נפתלי דיין ע״ה, און ר׳ נח׳ל האָט איהם אַרויסגעגעבען אַ כתב כהאי לישנא:

„היות המוכ״ז ר׳ בנימין המכונה בונים בהרב הגאון ר׳ נפתלי צבי דיין זצ״ל, איז לא עלינו אַרוים פון דער שרפה אשר שרף ד׳ בק״ק פאָהאָסטעוויץ כ״ג תמוז שנת תרס״א לפ״ק בעירום ובחוסר כל, ובהיות המוכ״ז איז אַ ירא שמים, איש תם וישר ומופלג בתורה, לכן טהוט מען טהון בעטען אחינו בני ישראל רחמנים בני רחמנים בכל תפוצות ישראל ניט צו פערמײַדען זײַער האַנד מהמוכ״ז איש כפי יכלתו, ובזכות זה ישמרכם ה׳ מכל צרה מכל מחלה מכל פורעניות וגזרות רעות אמן...

אני הקטן נח בהרב הגאון ר׳ יהודה לייב מחבר ספר „גור אריה״ „ושאגת אריה״, החונה פה פאָהאָסטעוויץ, י״ב אב שנת תרס״ו לפ״ק.

מיט דעם דאָזיגען כתב — אָנגעקלעפט אויף אַ לײַנוואַנד — אין קעשענע מיט׳ן טלית און תפלין און מיט צוויי העמדער אין אַ זעקעל, איז בונים קאָלטען צוגעפאָהרען מיט בענדעט צושפאָלטענע ליפ׳ם בויד ביז פילצעווע — די ערשטע באַהן־סטאַנציע זעקס מײַל פון פאָהאָסטעוויץ; דאָרטען האָט ער זיך אַרײַנגעכאַפט אין פאָיעזד, וואָס געהט אויף בערדיטשעוו, גלײַך אַרונטערגעשאַרט זיך אונטערען

באַנק און געבעטען: „זייט מוחל, אידען, פערשטעלט מיך מיט די פּים“...

און אַזוי בּייטענדיג איין צוג אויפ'ן צווייטען, האָט ער, אַמאָל ליגענדיג אונטערען באַנק, אַמאָל אַריינרוקענדיג דעם קאָנדוקטאָר אַגילדען אין האַנד אַריין — דערקליבען זיך אַזש בּיז סאַמע בעסע־ראַביע, וואו, ווערדליג ער האָט געהערט, עסט מען אַפּילו אין מיטען וואָך חלה און אַקאָפּיקע שפּילט קיין ראָליע ניט.

צום אָנהויב האָט זיך בּוניס אַבּיסעל אונטערגעשעמט אויסצו־שטעלען די האַנד, נאָר בּיסלעכווייז האָט דער עסק איהם אָנגע־הויבען צו געפעלען. פון אַגראָשען ווייס מען דאָ גאָר ניט, די קלענסטע מטבע איז אַקאָפּיקע. פאַרהאַן וואָס גיעבען צוויי און דריי קאָפּיקעס. ס'האָט איהם שוין פּאַסירט, אַז מען האָט איהם געגעבען אַפּיאַטאַקעל אויך! הייגט עסען — לרוב. אין וועלכער שטוב ער זאָל ניט אַריין, איז די ערשטע פראַגע:

— אפשר וועט איהר זיך וואַשען עסען, פעטער?

און וואָס פאַר אַנ'עסען! אין די ליטווישע קאַנטען הערט מען אַפּילו ניט פון אַזאַ אַכילה!

„בּילקע“ אין מיטען דער וואָך, און וויפיעל דאָס האַרץ גלוסט; געהאַקטע „קאַבּאַטשקי“, צוגעפּראַוועט מיט דעם אמת'ן פיינעם בּוימאָייל; באַקלאַזשאַנעם מיט פעפער, מיט אַ דין־צושניטענע ציבּעל־קעלע און ווידער טאַקי מיט בּוימאייל; באַקלאַזשאַנעם געקאָכטע מיט רייז און מיט שוועמלעך, מאַמעליגע, וואָס צוגעהט אין מויל, הייסע קוקורוזע מיט פּוטער, הייגט קאַוועגעס — נאָר עס! אַנ'עברה גור, וואָס מנוסע מיט די קינדער זענען דאָ ניטאָ.. דאַרען נעבעך דאָרטען אין דער היים...

סטאַנציע קאָסט אויך קיין געלד ניט: דער בית המדרש

ז. וועַנדראָף.

איז אָפֿען. איז מאַקי וואָס עס קלויבט זיך צונויף פֿאַר׳ן טאָג, בלײַבט אין קעשענע...

II.

אַ יאָהר דרײַ איז אַריבּער זינט בּונים האָט זיך צום ערשטען מאָל אַרויסגעלאָזען אויף דער וועלט. פֿון דאָס געלד, וואָס ער האָט איבּער געשיקט אַהיים, האָט שוין מנוסע לאַנג אויפֿגעשטעלט אַ שטיבּעל – אַ סך אַ שענערע ווי די אָבּגעבּרענטע חורבה, וואָס ער האָט געקראָגען אַ ירושה פֿונ׳ם טאַטען. אין געוועלבּעל וואָס זי האָט געהאַלטען איז אויך געווען מעהר סחורה ווי אַמאָל; בּונים אַליין, וואָס פֿלעגט אַראָבּקומען נאָר איין מאָל אין יאָהר – אויף פּסח, – האָט געקראָגען אַ שטיקעל קאַרק און אַ פּאַרב אין די בּעקלעך; דער לײַבּ־גאַרטעל, וואָס ער האָט געטראָגען אונטער׳ן העמד איז געוואָרען וואָס ווײַטער אַלץ שווערער, נאָר אויפֿהערען צו געהן איבּער די הײַזער, האָט ער שוין אַפֿילו איצט ניט געקלערט.

– וואָס הײַסט – פֿלעגט ער זאָגען זײַן מנוסע׳ן, – ס׳איז אַ פּרנסה, ווי אַלע פּרנסות! און אַז אַ קרעמער וועט פֿערדינען עשרת אלפים קערבּלעך אַ יאָהר פֿון זײַן קראָם, וועט ער זי דעריבּער צו מאַכען? אדרבּא, וואָס מעהר פּרנסה ער וועט פֿון זײַן געשעפֿט האָבּען, אַלץ טהײַערער וועט עס איהם זײַן.

און אויף מאָרגען נאָך פּסח, פֿלעגט ער זיך ווײַטער אַוועקלאָזען „קנעלען אין וואַהלין״...

אָבּער וואָס ווײַטער איז די פּרנסה שוואַכער געוואָרען:

– עס האָבּען זיך עפּיס געיאַוועט אַזוי פֿיעל נשׂרפֿים מיט כּתבים פֿון רבּנים – האָט ער זיך דעם לעצטען פּסח געקלאָגט

פאר זיין ווייב, — פשוט זיי פערפלייצען בעסעראביע! האט מען מאקי אויפגעהערט צו געבען. א קאפיקע איז די גרעסטע נדבה. עס האבען זיך שוין אפילו בעוויזען גרעשעלעך! דו פערשטעהסט? געדענק מיין ווארט, מנוסע, עס וועט נאך דארטען קומען צו פרוטות, ווי ביי אונז אין דער ליטא! און דאס עסען, וואס מ׳האט אמאל געגעסען, האט זיך אויך געפעהלט. „מען קאן זאך אויף איינך אלעמען ניט אנגרייטען" — זאגען זיי שוין איצט.

— אפשר וואלסט דו געפרובט אנ׳אנדער קאנט? — פרובט זיך מנוסע אנ׳עצה געבען.

— וואס, אנ׳אנדער קאנט, בהמה! קיין בעסערער קאנט ווי בעסעראביע און וואהלין איז אויף דער וועלט ניטא. נאר וואס דען, מען מוז זוכען תחבולות.

— וואס, אנ׳ערך, פאר א תחבולות קען מען דא זוכען? — איז מנוסע טשיקאווע צו וויסען.

— געפינען זיך א גוטע „ספעציאלנאסט" — מאכט בונים פערטראכט.

— וואס הייסט א ספעציאלנאסט? — פערשטעהט מנוסע ניט.

— א ספעציאלנאסט ווי אלע ספעציאלנאסטען!... יעדער געשעפט פאדערט א ספעציאלנאסט. אהן א ספעציאלנאסט איז ביי היינטיגע צייטען ניט שייך א קאפיקע צו מאכען.

— וואס א שטייגער, פאר א ספעציאלנאסט קען זיין אין דיין געשעפט? — וואונדערט זיך מנוסע.

— מאלע וואסערע ספעציאלנאסטען עס זענען פאראן! איינער איז א ספעציאליסט אויף הינקען, פאראן וואס קענען זיין גוטע חולי נופל, ביי איינעם דרעהט זיך דער קאפ, ווי א ווינד־מיהל, ביי אנ׳אנדערען טאנצט כסדר א האנד מיט א פוס... פאראן וואס קענען

זײַן אַ משולח, אַ פּערסישער איד, אַ גרוש, אַ ביק פון די קאַווקאַזער ביקעס, אַ גר, איז אויך ניט קיין שלעכטע ספּעציאַלנאָסט...

— און מען דאַרף דאָס קענען? — וואונדערט זיך מנוסע.

— אָהאָ, צי דאַרף מען דאָס קענען? אָט ניעב מיר כל הון דעלמא, איך זאָל זײַן אַ חולה נופל, אָדער — דרעהען מיט׳ן קאָפּ — קען איך דאָס ניט!... אַ „פּערסישער איד״, זעהסט דו, צי אַ „ביק״ אָדער אַ „גר״ וואָלט איך יאָ געוואָלט זײַן — דאָס גיעט פּרנסה בשפע — איז פאַר אַ פּערסישען אידען מיט אַ „ביק״ דאַרף מען זײַן אַ שוואַרצער און קענען רעדען לשון־קודש מיט׳ן פּתח, און אַ גר דאַרף קענען חאָטש אַ ביסעל רוסיש... אַ „משולח״ ווידער, צי אַ „גרוש״ איז שוין אין גאַנצען געפאַלען; כמעט ניט בעסער ווי אַ נשׂרף.

— איז וואָס־זשע קלעהרסט דו טהון? — זאָרגט מנוסע.

— כ׳ווייס וואָס? מן הסתם וועט דער אויבערשטער ניט פער־לאָזען — טרייסט זי בונים.

נאָר נאָך פּסח, ווען בונים האָט זיך ווידער אַרויסגעלאָזען אויף דער וועלט „קנעלען״, — האָט ער דערזעהן, אַז ס׳איז שלעכט. דאָס „געשעפט״ געהט אונטער, חאָטש נעהם און פאָהר אַוועק קיין פּאָהאָסטעוויץ און זעטץ זיך עסען פונ׳ם גרייטען.

אָבער דאָס איז אַ זאַך, וואָס עס לאָזט זיך ניט, האָט ער געקלערט אַהין, געקלערט אַהער, ביז ס׳איז איהם אײַנגעפאַלען — אַ בעל־תשובה!

ער וועט ווערען „אַ בעל־תשובה!״ קיין בעסערע „ספּעציאַלנאָסט״ דאַרף מען ניט. דאָס איז אַ נײַע ספּעציאַלנאָסט, וואָס קיינער האָט דאָס נאָך ניט אויסגענוצט, און ער וועט, מיט גאָט׳ס הילף, מאַכען גאָלד.

III.

פון דאַמאָלסט אָן, האָט בונים אויפגעהערט צוגעהן איבער די הייזער.

געקומען אין אַ שטעדטעל, איז ער גלייך אַוועק אין בית־המדרש, געזעצט זיך איבער אַ מוסר ספר, און אַזוי אָבגעזעסען ביז מנחה און אַ גאַנץ בין מנחה למערב. נאָך מערב, ווען דער עולם פלעגט זיך קלויבען אַ היים, פלעגט זיך בונים אַוואַרף טהון אויף דער ערד ביים טהיר, און בענטשענדיג זיך מיט טרעהרען שרייען אויפ'ן קול:

– רבותי! אידען רחמנים בני רחמנים! האָט רחמנות און בעט נאָט פאַר מיר, ער זאָל מיר, מיט זיין גרויס חסד, מוחל זיין מיינע גרויסע זינד!.. איך בין געוועזען מיין גאַנצען לעבען אַ גנב, איך האָב בעגזל'ט יתומים און אַלמנות, איך בין געוועזען אַן אוכל טרפות ונבלות, איך האָב געזינדיגט מיט אשת איש'ן, איך האָב געגעבען פאַלשע וואָג און פאַלשע מאָס, איך האָב מחלל שבת געוועזען בפרהסיא, איך האָב געשוואָרען שבועות שוא, מוציא שם רע געוועזען אויף כשרה אידען, מקיל געוועזען די היילינע תורה, מחלל את השם געוועזען אַלע טאָג פון מיין זינדיגען לעבען, איך האָב קיין תפילין ניט געלעגט, איך בין געוועזען אַ שיכור, אַ כזבן אַ שקרן, אַן עזות פנים, אַ פושע ישראל, איך האָב געטהון כל דבר אסור...
האָט רחמנות אידען, און שפייעט מיר אין מיין פנים, טרעט מיר מיט די פיס, טהוט מיר אָן כל היסורים, טאָמער וועט דאָס זיין חאָטש אַ שטיקעל אָבקומעניש פאַר מיינע גרויסע זינד, און דער השם יתברך וועט מיר ברענגען קיין ארץ־ישראל, אין דער היילינער לאַנד פון אונזערע אָבות, וואו איך האָף אויסצובעטען ביים בורא

יתברך אַ כּפּרה אויף מײַנע זינד... חאָטש אין גיהנום זאָל איך אָנקומען... אַבי כּף־הקלע ניט פֿערוואָרפֿען ווערען... ווי איך האָב פֿערדינט...

ביי די דאָזיגע ווערטער פלעגט דער געוויין איבערגעהן ביי איהם אין אַ מין שלוכצען, כליפּען און קוויטשען, דער קאָפּ פלעגט זיך קלאַפּען אָן פּאָדלאָגע און פון זײַן פערקרימטער מויל פלעגען זיך אַרויסרײַסען נאָר אײַנצעלנע ווערטער:

– רחמנות... טרעט... שפּײַט... ארץ־ישׂראל... העלפט אידען...

און פון בוזעם־קעשענע פלעגט, ווי פון זיך אַליין, אַרויסגליטשען זיך אַ כּתב, נעשריבען אויף פּאַרמעט, אין וועלכע רבנים מופלגי הדור, בעטען אידען רחמנים בני רחמנים העלפען דעם בעל־תּשובה אָנצוקומען קיין ירושלים עיר הקדושה, ווײַל „במקום שבעלי תּשובה עומדים, אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד"...

דערזעהן אזא כּתב, פלעגט דער שמש אוועקשטעלען נעבען בעל־תּשובה אַ צינערנע טעלערעל, און אידען, ערנסטע און אַבּיסעל איבערגעשראָקענע, פּונקט ווי אַ אידענע וואלט אומגעריכט אַרײַנגע־פֿאַלען אין אָרון קודש, – הויבען אָן אַרײַנוואַרפען אין צינערנעם טעלערעל, ווער אַ קאָפּיקע, ווער אַ פּיאַטאַקעל און ווער – אַ גריוונינקעל.

ניט אַרײַנוואַרפענדיג אַ נדבה, געהט קיין אײַנער ניט אַרויס פון שוהל.

אַנדערע טהוען דעם בעל־תּשובה צוליעב אין שפּרײַזען איבער איהם אַריבער, פּאַרוואָס זיי בעקומען פון איהם אַ „יישר כּח אײַך, נאָט זאָל אײַך דערפֿאַר בעצאָהלען"...

אײַנער פון די שענערע בעלי־בתּים העלפט איהם, געוועהנליך, דערנאָך אויפשטעהן פון פּאָדלאָגע און בעט איהם ער זאָל געהן

מיט איהם אהיים עסען וועטשערע. אבער דער בעל־תשובה לאזט זיך שטארק בעטען:

– עס איז נאך צו פריה פאר מיר אבצופאסטען זיך..– שפארט ער זיך איין.

אבער סוף כל סוף פלעגט ער זיך דאך לאזען איבערערען און געהן „אבפאסטען" זיך.

באלד נאך וועטשערע פלעגט ער קומען צוריק אין בית־המדרש, און זעצען זיך תהלים זאגען, בעגיסענדיג זיך די גאנצע צייט מיט טרעהרען. דערנאך – פראווען חצות, און ערשט, העט שפעט אין דער נאכט, א ווארף טהון זיך אויף דער הארטער פאדלאגע שלאפען...

אויף מארגען צום דאווענען, פלעגען די ישיבה־בחורים, וואס נעכטיגען אין בית־המדרש, בסוד דערצעהלען, אז זיי האבען ביינאכט געהערט, ווי דער בעל־תשובה האט געפיהרט א מלחמה מיט'ן יצר הרע. דער יצר־הרע האט איהם, קענטיג, אנגערעדט צו אנ'עבירה, און ער האט אלץ געשריהען: „ניין, איך וועל ניט גנב'ענען קיין טליתים מיט זילבערנע עטרות... געוואלד, רבונו־של־עולם, ראטעווע מיך ארוים פון זיינע הענד! ער רעדט מיך אן איך זאל צוגנב'ענען דעם זילבערנעם חנוכה־לאמפ... דעם ארון־קודש אויפברעכען און די עטרות מיט די עץ־חיים'ס צונעהמען... ניין, עס וועט דיר גאר ניט העלפען, דו, שטן מקטרג, איך וועל ניט געהן צוריק אויף דעם וועג פון רשעים"...

אידען פלעגען אויסהערען, שאקלענדיג מיט די קעפ; א טראכט געבענדיג דערביי: „א איד דארף תשובה טהון... אוי, דארף מען תשובה טהון"... און ווארפען מיט די אויגען צום אונטערן אייבען, וואו דער בעל־תשובה איז געשטאנען, איבערגעדעקט מיט'ן טלית

איבערן קאָפּ און געשלוכצעט... צייטענווייז פלעגט זיך פון דאָרטען הערען אַ קריכצען מיט די ציינן, פונקט מען וואָלט געקייעט אַ האַרטע זאַך...

אַזוי פלעגט ער אָבשטעהען אַ גאַנצען טאָג, כמעט ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט.

צוויי חשוב'ע בעלי־בתּים פלעגען דערווייל אַרוים איבערן שטעדטעל מיט אַ רויטער פאַטשיילע ביי איינעם אין האַנד, און אין יעדער שטוב און יעדער געוועלב איינגערוימט:

– פאַר'ן בעל־תּשובה... עפּיס אַ שענע נדבה... אַ כּשר'ער איד...

און בין מנחה למעריב פלעגט איהם דער גבאי אַריינרוקען אין האַנד אַ פּאַפּיערעל מיט עטליכע רובּל, ווי מען דערלאַנגט אַ דאָקטאָר פאַר אַ וויזיט, און זאָגען:

– צושטייער אויפ'ן וועג קיין ארץ־ישׂראל... פאָהרט געזונטערהייד, און אַז איהר וועט זיין ביים כּותל המערבי, דערמאָנט אונז אויך דאָרטען...

אַזוי איז בונים געגאַנגען פון שטעדטעל צו שטעדטעל, דורכגעשפּרייזט גאַנץ בעסעראַביע און אַ שטיק וואָהלין, וואָס ווייטער אַלץ בעסער שפּיעלענדיג די ראָליע פון אַ בעל־תּשובה, און אַלץ מעהר אָנפילענדיג דעם לייב־גאַרטעל מיט אַסיגנאַציעס און גאָלדשטיקלעך.

IV.

איינמאָל, הושענא רבּה נאָכ'ן דאַווענען ווען דער בעל תּשובה איז געלעגען ביים שוועל פון בית־המדרש אין אַ וואָהלינער שטעדטעל, און בעניסענדיג זיך מיט טרעהרען געריסען זיך די האָהר פון קאָפּ,

אויסגערעדט אויף זיך וואס אין קארט שטעהט און געבעטען אידען זאלען אויף איהם רחמנות האבען און טרעטען איהם מיט די פיס, שפייען אין פנים, טאמער וועט דאס זיין אנ׳אבקומעניש פאר זיינע זינד, — איז צו איהם צוגעגאנגען א איד, אנ׳אורח, וואס האט אין שטעדטעל געהייסען „דער ליטווישער קאמיסיאנער״, און וואס פלעגט קומען אין דעם געגענד אויפקויפען וויין און קוקורוזע, — און גוט איינקוקענדיג זיך אין איהם, צו זיך אליין גערעדט: „דאס איז דאך בונים קאלטען פון פאהאסטעוויץ... ווי איך בין א איד — בונים״...

און אומקעהרענדיג זיך צום עולם, וואס איז געשטאנען מיט אראבגעלאזענע קעפ ארום בעל־תשובה און צוגעהערט זיך צו זיין מורא׳דיגען וידוי, — האט ער אויסגעשריען:

— רבותי, דאס איז דאך בונים קאלטען פון מיין שטעדטעל, פון פאהאסטעוויץ! ר׳ נפתלי דיינ׳ס א זוהן... ווי קומט ער צו זיין א בעל־תשובה?... כל ימיו געווען א כשר׳ער, ערהליכער איד, א איד א למדן...

דער עולם האט זיך דערפיהלט ווי נאך מלקות...

— וואס הייסט, קיין בעל־תשובה ניט? — האט דער עולם ניט געקענט פערשטעהן, — ער דערצעהלט דאך וועגען זיך גאר מורא׳דיגע זאכען, מעשים תעתועים האט ער דאך אבגעטהון?!

— כזב ושקר!... איך קען שווערען, אז ער האט, זינט ער לעבט, א מנחה ניט פערפעהלט...

— אבער ער זאגט דאך: געגנב׳עט... אשת איש... האט זיך דער עולם אלץ ניט געוואלט גלויבען, אז מען נארט איהם.

— וואס, אנ׳אשת איש? — האט זיך דער ליטווישער קאמיסיאנער צולאכט? — דאס ווייב זיינע וואלט איהם די אויגען אויסגעדראפעט!.. וואס איז דא פארהאן וואס צו רעדען, — א טהייערער איד זינט ער

ז. וועַנדראָף.

לעָבּט — הלוואַי מײַנע קינדער זאָלען קײן ערגערע אידען ניט זײַן!..

דערזעהן, אַז „דער ליטווישער קאָמיסיאָנער“ זאָגט טאַקי אמת, אין דער עולם אַ צוקאָכטער געוואָרען.

— אַזאַ שווינדלער!.. אַזאַ גנב, האַ! אַזאַ לײַדאַק!.. אַזוי אָבּנאַרען אַניעדה אידען... און נאָך אום סאַמע הושענא רבּה!..

— אָט האָט איהר אײַך אַ בּעל־תשובה!. אויפ׳ן לעבּען אַן׳עבירה ניט געטהון, און ווערט אַ בּעל־תשובה!..

און עטליכע יונגע לײַט האָבּען זיך אַלאָז געטהון צום בּעל־תשובה, וואָס איז שוין געשטאַנען אויף די פּיס און הינטערווײַלעכטס גערוקט זיך צום טהיר,—און געוואָלט איהם מקיים פּסק זײַן, אָבּער ער האָט אַ שפּרײַז געטהון איבּערען שוועל און אַנטלאָפען, איבּערלאָזענדיג הינטער זיך דאָס ציגענע טעלערעל האַלבּ פול מיט קופּערנע און זילבּערנע מטבּעות...

א בעשערט זווג.

פונקט דריי יאהר נאך דער חתונה איז ביי נחמה׳ן געשטארבען דער מאן.

איז ווי נאר עס זענען אריבער שלושים, האבען שדכנים, קריבים און סתם גוטע פריינד אנגעהויבען צו שטעהן צו איהר, זי זאל חתונה האבען נאך א מאל.

מ׳שטיינס געזאגט, וואס פאר א לעבען זי האט דא אבגעלעבט פאר איהם, ע״ה! נור געחאליעט, נור געקרענקט - געמוטשעט זיך, ניט געלעבט. פארוואס זאל אזא יונג בלוט פטר׳ן איהרע בעסטע יאהרען איינע אליין?

און אזא שעהנע וויבעל, א חן׳עוודיגע, אזא מחיה׳דיגע וויבעל — א מאן וועט זי דאך אויף די הענד טראגען!

אבער נחמה האט אפילו ניט געוואלט הערען פון חתונה האבען נאך א מאל.

זי וועט איהר קינד, איהר איינציג טעכטערעל, קיין שטיפמאטע ניט געבען.

ז. וועגדראף.

אזא שוואכענקע, נעבעך, אזא רחמנות׳דיגע, זאל זי נאך אויף זיך האבען שטיעף=טאטעס!

און צו וואס דארף זי א מאן? פרנסה גיט די אכסניה, גאט צו דאנקען, גענוג, קען זי אויסקומען אהן א שפייזער.

אודאי איז גוט, אז ס׳איז פאראן א בעל=הבית אין שטוב, ווער ס׳זאל קידוש=הבדלה מאכען; אודאי איז מען ניט אזוי עלענד, ווען ס׳איז פאראן מיט וועמען א שבת יום=טוב געהן אין שוהל און פו שוהל, נאר צוליעב דעם איהר בת=יחיד׳קעלע מקריב זיין — דאס ניט!

און וויפיעל די מאמע האט צוטענה׳עט, אז יונג בלוט דארף מען ניט פערדארבען, וויפיעל יונגע ווייבלעך האבען איהר ניט גערוימט סודות אין אויער, לאכענדיג דערביי הויך און קוויטשיג, וויפיעל אלטע ווייבער האבען זיך ניט געמאטערט אויפצווייזען איהר, אז א ווייבעל אהן א מאן איז ווי א שיף אהן א רודער, אז אלע זינדיגע מחשבות קומען פון אליין זיצען, און וויפיעל „גליקען אויפ׳ן גאנצען לעבען" שדכנים האבען איהר ניט פארגעשלאגען — נחמה איז געבליבען ביי דאס איהריגע: זי וועט איהר קינד קיין שטיף=טאטע ניט געבען.

און אז די מאמע און די מוהמעס פלעגען זי שטארק דער=געהמען, פלעגט זיך נחמה גאר צווויינען:

— וואס ווילט איהר פון מיר האבען, וואס? וואס ט׳איהר זיך אנגעזעצט אויף מיינע יונגע יאהרען?

— ט׳איהר געזעהן? זי וויינט! וואס וויינסט דו, וואס? מיר זיינען, חלילה, עפעס אויסען? מיר מיינען דאך דיין טובה? פון דיר עפעס א שטיקעל נחת דערלעבען.

אזוי פלעגט זיך די אלטע מאמע, א בייזע־ טהאן; און אב

קעהרענדיג זיך אן א זייט, ווישען די אויגען מיט'ן ברעג פון ליוס־טרינגענעם פארטוך.

— נחת ווילט איהר פון מיר זעהן, מיין קבר ווילט איהר זעהן! — פלעגט נחמה אנ'אויפגערעגטע אויסשרייען:

— וואס רעדסטו, קינד מיינס! טרייסט מיינס! גאט איז מיט דיר, וואס רעדסטו?! מיר פאר דיין קאפ, רבונו של עולם!

און א פערציטערטע, א דערשראקענע פלעגט די אלטע מאכען מיט די הענד, ווי זי וואלט געוואלט פערטרייבען פון איהר טאכטער אלע בייזע רוחות, זיי זאלען ניט הערען און אין א בייזער שעה ניט אונטערכאפען איהר קינד'ס נארישע און בייזע רייד.

דערנאך פלעגט די מאמע צוציהען די טאכטער צו זיך, צודריקען איהר קאפ צו איהר דארער ברוסט און גלעטענדיג מיט א ציטערדיגע האנד איהרע געדיכטע און ווייכע האר, לאשצען זי, מוסר'ן און בערוהיגען:

— אוי, טאכטער, טאכטערל! וואס דו קענסט זאגען... נו, נו, וויין ניט, קינד מיינס, וויין ניט... דאס הארץ איז איהר, נעבעך, אנגעוועהטאגט, געשטראפט קינד מיינס... אליין, נעבעך... נו, נו, גענוג צו כליפען, לעבען מיינס, גענוג...

דער מאמע'ס הארציגע ווערטער און איהר פראסטע צערט־ליכקייט פלעגען ביסלעכווייז בערוהיגען נחמה'ס הארץ, וואס האט זיך, צייטענווייז, געהויבען און געקלאפט אזוי שנעל און אונרוהיג — זי ווייס אליין ניט פאר וואס. — אבער ס'איז אזוי גוט צו ליגען אנגע־שפארט אויף דער מאמע'ס ברוסט, פיהלען איהר טרוקענע האנד אויפ'ן קאפ און הערען איהרע איינארטיגע הארציגע ווערטער, אז עס ווילט זיך נאך א ביסעל פיעסצען און וויינען פאר איהר... און נחמה כליפעט שוין א בערוהיגטע:

ז. וועגדר אָף.

– טו וואָס־זשע ווילט איהר דוקא, אז דבורה׳לע זאָל האָבען אַ שטיעף־טאַטען?...

–אוי, אוי, קינד מיינס, וואָס דוא קענסט זאָגען, וואָס דוא קענסט אויסטראַכטען! מיינסט ס׳וואָלט פאַרן קינד ניט גלייכער געווען עס זאָל האָבען ווער ס׳זאָל עס מדריך זיין?... אַ שטיעף־טאַטע איז ניט קיין שטיעף־מאַמע... נו, שאַ, שאַ, כ׳וועל מעהר ניט רעדען, שאַ!... טהו ווי דו פערשטעהסט, אַבי וויין ניט אויס דיינע אויגען... שאַ, שטיל, גענוג!...

נאָך אַזא אויסוויינען זיך, פלעגט נחמה אַרומגעהן אַן אומע־דיג־רוהיגע, מיט אַ לייכטען שאָטען אויפ׳ן פנים און מיט אַ מאָדנעם שמייכעל אויף די ליפען, די אויגען האָבען געקוקט ווייך און בע־טענדיג, איהרע טריט פלעגען זיין שטילער און איהרע בעוועגונגען־געלאַסענער, ווי שטענדיג, און אפילו דער שווערער בינטעל שליס־לען ביי׳ם פאַרטוך פלעגט, אין אַזעלכע בערוהיגטע צייטען, קלינגען שטילער און איינגעהאַלטענער.

אַיאָהר נאָך אַ יאָהר איז פערביינעגאַנגען, נחמה האָט, דוכט זיך, מיט יעדען יאָהר אַלץ מעהר פערנאַנדערגעבליהט, אַלץ שעהנער געוואָרען, און איהר טעבטעריל – אַלץ מיאוס׳ער. אפילו דער וואָלקען וואָס איז שטענדיג געלעגען אויף נחמה׳ס פנים און דער אומעט אין די אויגען, וואָס האָבען שטענדיג ווי אויסגעקוקט אויף עפעס – האָבען איהר אַ בעזונדער חן פון אונטערגעבענקייט צוגעגעבען.

בעלנים חתונה צו האָבען מיט איהר זענען מיט יעדען יאָהר געוואָרען אַלץ מעהר, אָבער זי האָט אַלץ ניט געוואָלט הערען דערפון.

אַז זי האָט ביז איצט איהר קינד ניט געגעבען קיין שטיעף־פאָטער, וועט זי שוין איצט אויך ניט געבען.

אזוי זיינען אריבער פופצעהן יאָהר זינט נחמה איז אַנ'אַלמנה געוואָרען. נחמה איז אַלט געוועזען פינף און דרייסיג יאָהר, אָבער זי איז נאָך אַלץ געוועזען אַ שעהנע חנ'עוודיגע ווייבעל – „אַ ווייבעל אַ ברכה צו מאַכען אויף איהר" און איהר דבורה'לע–אַ הויכע, דאַרע, זיעבצען-יאָהריגע מיידעל, אַ ביסעל אַנ'איינגעבויגענע, מיט לאַנגע, דינע הענד און אַ פלאַכע ברוסט–„נאָר דער טאַטע, ע"ה, איהר צו לעננערע יאָהר".

און שידוכים האָט מען שוין דבורה'לען גערעדט באַלד צוויי יאָהר, נאָר אַלץ ניט נאָך נחמה'ס גוסט.

קומט איינמאָל צוגעהן חנא-ניסן דער קאָמיסיאָנער, אָט דער, וואָס פאָהרט אַלע וואָך קיין באָברויסק איינקויפען סחורה פאַר קרעמער, און זאָגט, אַז ער האָט פאַר דבורה'לען אַ שידוך–„שוין איינמאָל אַ שידוך".

אַ יונגער מאַן, ווי אַ דעמב, אַ געזעצטער יונגער מאַן, אַ בר דעת, מיט דעם פיינעם עסק אין האַנד, מיט דעם שעהנעם קרעדיט אין לאָדז, און טאַקע דער אמת'ער איידעל-מאַן, און פון דער פיינער משפחה, קען אַ ביסעל לערנען, און פערשטעהט אַ רוסיש גאַזעט אויך „אָדנים סלאָוואָם אַ פאַלנער מענש". און וואָס וויל ער? אַ קלייניגקייט וויל ער: אַנ'אָרענטליכע בעל-הביתישע מיידעל, אַ שטילע מיידעל, וואָס זאָל זיין אַ בעל-הבית'טע אין שטוב, וואָרום פון דער ערשטער ווייב איז ער אויסגער...

נאָר נחמה האָט איהם שוין ניט געלאָזט ענדיגען.

ווי פאַלט איהם נאָר איין צו קומען פאָרשלאָגען פאַר איהר טאָכטער אַ שידוך מיט אַנ'אַלמן? באשר זי איז אַנ'אַלמנה, מעג זיך שוין יעדערער שווענקען אין איהר בלוט?

זי האָט איין-איינציגע טאָכטער, איין-איינציגע בת-יחידה–

אײן אױג אין קאָפּ, דאַרף זי זי אָבגעבען פאַר אַנ׳אַלמן, ניט דאָ געדאַכט?

האָט חנא־ניסן געפּרובט אײנשמועסען זי:

זײט ניט קײן יודענע, איך בעט אײך! — האָט ער זיך, מעשׂה מאַנסביל, אַ בײזער געטהאָן — איך בין דאָך עפּעס ניט קײן שׂרבֿ; אַז ס׳װאָלט געװען אַ קרומע זאַך, װאָלט איך ניט געקומען רעדען. אַז מען זאָגט אײך, ס׳איז אַ גליק־זאַך — איז דאָס אַ גליק־זאַך!

— אָבער, אַז איך װיל ניט קײן אַלמן! נישקשה מײן דבורה׳לע איז גאָר ניט אַזאַ בראַקאָװנע סחורה, איך זאָל זיך דאַרפען אָנ־װאַרפען מיט איהר. זי האָט נאָך צײט צו װאַרטען אױף אַ בחור האָט נחמה געטענה׳ט.

זעהט חנא־ניסן, אַז ס׳איז ניט צו מאַכען מיט איהר, נעהמט ער און געהט אַװעק צו דער אַלטער באַשע׳ן, צו נחמה׳ס מאַמע, און דערצעהלט איהר די מעשׂה: אַ יונגער־מאַן װי אַ דעמב, אַ מענש אין רעכטען סאָק, אַ כּפּרה, בנאמנות, אַלע בחורים, און איז דער פײנער יונגער־מאַן, און דער בעל־פּרנסה — אַנ׳אײגענע שניט קראָם געפּאַקט ביז צו דער סטעליע; און װײס װאָס אַ אידיש ספר איז, און דאַרף מען רוס קען ער רוס אױך, און מיט׳ן פײנעם פּאָטשאָט, מיט אַנ׳אוּאָװאַזשעניע... און האָט קײן קינדער אױך ניט! װאָרום דעם בחור׳ל זײנעם איז דאָך ניטאָ װאָס צו רעכענען: נאָך אַ יאָהר, נאָך צװײ, פּטר׳ט ער אָב דעם פּריזיװ, כאַפּט מען איהם דאָך אױס, װי אַנ׳אבן־טוב! בלײבט דער טאַטע גאָר אײנער אַלײן. דאַרף מען געהן זוכען בחורים, אַז עס מאַכט זיך אַזאַ יונגער־מאַן? װאָרום טאָמער װײסט איהר ניט דעם גליק מיט הײנטיגע בחורים? שװיסטונעס, טענצערס, גאָרנישטען, שאַרלאַטאַנעס, הײנט — די, מאָר־גען־יענע, װינד אין קאָפּ!... דאָס אָבער איז אַ מענש אַ געזעצטער,

מיט אַ פּאַרטיִגען עסק אין האַנד, אַ פּאָלנער מענש. פּאַראַן זיך אויף וועמען צו פערלאָזען.

דער באָבען האָט זיך דער ענין גלייך געלעגט אויפ׳ן שׂכל, וואָרום אַ חוץ דעם, וואָס „אַזאַ יאָהר אויף איהר, ווי געדעכט חנא־ניסן איז״, און וואָס איהר האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער דערלעבען נחת פון איהר אייניקעל—האָט זי געהאָפּט, אַז נאָכדעם ווי דבורה׳לע׳ס חתונה האָבען, וועט זיך נחמה אויך לאָזען איבערדעדען.

האָט זיך די וועלט איינגעלעגט מען זאָל פאָהרען אָנקוקען.

—אַ קוק טהאָן שאַדט דאָך ניט, מען געהט דאָך קיין תנאים ניט שרייבען, אָבער אָנקוקען, — פאַרוואָס ניט אָנקוקען?

און זי האָט גערעדט אַזוי לאַנג און אַזוי בהייט, ביז נחמה האָט האַלב נאָכגעגעבען.

זי וועט אקאַרשט אריבערפאָהרען אויפ׳ן אָרט און זעהען, וואָס דאָרטען טהוט זיך.

און איינמאָל אין אַ פריהמאָרגען האָט זי אָנגעטהאָן איהר ברוינע וואָלענע קלייד מיט דער סאַמעטענער קרייזעל פון אונטען, אַרויפגעלעגט אויפ׳ן קאָפּ די שוואַרצע זיידענע קאָסינקע, אָנגעטהאָן דעם „סאַק״, וואָס זי האָט איבערגעמאַכט פון איהר חתונה־מאַנטיליע, גענומען דעם אויפגעוויקעלטען שירם אין איין האַנד, דעם סאַמע־טענעם זעקעל אין דער צווייטער האַנד און איז אַרויסגעפאָהרען קיין באָברויסק.

געקומען קיין באָברויסק, האָט זי באַלד אין אַכסניה פער־פיהרט אַ קלוגען שמועס מכח דעם, ווי היינטיגע צייטען זענען קיין סודות גאָר אויף דער וועלט ניטאָ... אָט איז דאָ אין באָברויסק פאַראַן אַ מענדיל קאָפּעלאָוויטש, וויים מען אין גאַנצען אויעזד, אַז

ז. וועגדראָף.

ער האָט זײַן ווײַב אין דער ערד אַרײַנגעטריבען, אַז דאָס איז אַ איד אַניאַכזר, אַ כאַפּער, אַ באַנקראָטשיק...

און פון וואַנען, דוכט זיך, קומט עס אָן אוש קײן פּאָריטש און קײן סוויסלאָטש, און ווײס איך וואו... נאָר גאָרניט, הימעל און ערד האָבען געשוואָרען, אַז קײן פּערבאָרגענע זאַכען זאָלען אויף דער וועלט ניט זײַן...

און אַז די בעלי־אכסניה האָבען אויף איהר אויסגעשטעלט די אויגען און געפרעגט צו איז זי, חלילה, משוגע צו חסר־דעה, און געוואונשען זיך: הלואי זײַערע קינדער זאָלען ערגער ניט זײַן, האָט יאָהר אין האַרצען הנאה געטהאָן, וואָס זי האָט דאָ אַזוי קלוג אַרויסגעקראָגען דעם אמת. און צושאָקלענדיג מיטן קאָפּ אויף לײַטישע צינגער, וואָס האָבען מעהר ניט צו טהאָן, ווי בערײַדען לײַטען — איז זי גלײַך אַוועק צו מענדיל קאָפּעלאָוויטש אין קראָם אַרײַן „קויפען דרײַ אַרשין „מאַמוס".

אַרײַן צו מענדיל קאָפּעלאָוויטש אין קראָם, האָט נחמה באַלד געזעהן, אַז מען האָט זי ניט אָפּגענאַרט.

אַ קראָם פון פּאָדלאָגע ביז דער סטעליע געפּאַקט מיט סחורה. פיער פּריקאַזשטשיצעס און איין פּריקאַזשטשיק שטעהן פערשמײַעטע און ווײַזען סחורה, און רעדען איין קונים און שווערען זיך, און ווינשען זיך און לײַטען, וואָס אַ מענשען קען זיך נור גלוסטען.

מען זעהט, אַז פּרנסה איז בשפע.

און הינטער'ן „פּרילאָוואָק" שטעהט דער בעל־הבית אַלײן, אַ יאָדערדיגער בעל־הבית'על, מיט אַ געשוירען שפּיציג בערדעל, מיט אַ קלײן פּליבעל, מיט אַ קלײן בײַכעל, וואָס זאָגט צו מיט דער צײַט צו ווערען גרעסער, מיט אַ שווערע גאָלדענע קײט צו־

לעגט אויף ביידע זייטען פון דער „טשעסוטשאנער" וועסטעל, און מיט א בליישטיפט הינטער'ן אויער.

און שטעהן שטעהט ער בהרחבה: די הענט ברייט צושפרייט און אנגעשפארט אויפ'ן „פרילאוואק", און די רוהיגע אויגען אויפ'ן צופריעדענעם פנים שפאצירען איבער'ן קראם, פון איין פריקאזטשיצע אויף דער צווייטער, פון איין קונה צום צווייטען, גיט א זאג וואס מען זאל ווענען ווייזען און גיט אין איין וועג אכטונג א פויערטע זאל אין טומעל דערווייל ניט אריינרוקען עפעס אין בוזעם אריין.

דערזעהן נחמה'ן אריינגעהענדיג אין קראם, האט מענדיל קאפעלאוויטש א קאמאנדעווע געטהאן:

— מעריל! ענטפער דער מאדאם! וואס וויל די מאדאם?

ווי אנ'אונטערגעשאסענע האט זיך מעריל אווארף געטהאן צו דער „מאדאם" און אין איין אטהעם געגומען אויסרעכענען:

— וואס וויל די מאדאם? באטיסט, קאנאאוס, מארעפאלען, קרעם־דע־שיניאן, פערקיל, ליוסטרין, וואהלענס, סערזש, אטלאס, סאמעט טראגט מען היינט, א פיינעם פיקיי אויף א בלוזקע, מוסלין, סאטען־דע־שעז, פראנצוזסקע באטיסט?...

נור די „מאדאם" האט קיין ווארט ניט געענטפערט און האט זיך דורכגעשפארט דורך אלע קונים און פריקאזטשיצעם גלייך צום פרילאוואק, וואו קאפעלאוויטש אליין איז געשטאנען.

מענדיל, וואס האט געקענט יעדעם קינד אין שטאדט, האט גלייך געזעהן, אז די שווארץ־חנ'עוודיגע ווייבעל מיט די שווארצע האר, וואס זענען צוטהיילט אין מיטען מיט א ווייסען שרונט, און מיט'ן צניעהדיגען, שטילען שמייכעל אויף די ליפען, — איז ניט קיין היגע.

האט ער עטוואס איינגעבויגען זיין קורץ־געשוירענעם קאפ

מיט דער קלײנער „ליסינקע" אין מיטען, און האָט „אײדעל" געפרעגט:

– װאָס װינשען זיי, מאַדאַם?

האָט נחמה פריהער געבעטען דרײַ אַרשין „מאַמוס" אויף אונטערשלאַק, דערנאָך האָט זי זיך געהײסען װײַזען אַ ציץ אויף פאַרטוכער, אַ לײַװאַנד אויף העמדער, אַ מאָדעפּאָלאַן אויף בעט־װעש, אַ װאָהלענס דבורה'לען אויף אַ קלײד געקויפט: – „מען, װעט, דאָך, סיי װי סײַ, אי"ה דאַרפען אַנ'אויסשטײַער" – ליוסטרין דער מאַמען אויף אַ קאָפטע און נאָך קלײניגקײַטען, װאָס זי האָט נעדאַרפט און ניט געדאַרפט.

געװיזען און געמאָסטען די סחורה האָט קאָפּעלאָװיטש אַלײן, װעלכען די בעחנ'טע װײַבעל מיט די שװאַרצע אויגען און װײַסע צײַהן, איז שטאַרק געפעלען געװאָרען.

און נחמה האָט זיך ניט געאײלט. געהײסען זיך װײַזען איין שטיקעל סחורה נאָכ'ן צװײטען, און געשמועסט בעת מעשה װעגען הײַנטיגע שװערע צײַטען, װעגען קינדער, דערצעהלט װער זי איז, פון װאַנען זי איז, אַרײַנגעװאָרפען אַ װאָרט װעגען איהר טאָכטער, זאָל געזונד זײַן, ניט פערגעסען צו דערמאָנען איהר פעטער דעם רב, דאָס הײסט, ניט איהר פעטער, נאָר איהר מאַנ'ס ע"ה, אַ פעטער.

און זי איז אַװעק פון קראָם אַ צופריעדענע מיט זיך אַלײן, װאָס זי האָט דאָ אַזוי קלוג געפיהרט דעם עסק.

אַ הײם איז זי געקומען גאָר אַנ'אַנדערע.

איצט האָט זי שוין חנא־ניסן'ען געזוכט. און װי נור זי האָט איהם דערזעהן, האָט זי איהם גלײַך געזאָגט:

– זאָל ער קומען אָנקוקען די כלה.

חנא־ניסן האָט זיך אַ נעהם געטהאָן אויף אַלע כלים. און

ס'איז ניט אַריבּער קיין חודש צייט, ווי דער חתן איז שוין געקו־מען „אָנקוקען".

אין אָבענד איז ער מיט חנא־ניסן'ען געקומען צו נחמה'ן.

די ערשטע האָט זיי בּעגעגענט די בּאָבּע — אַ ריינע, ציכטיגע אַלטיטשקע אין אַ ליוסטרינענער קאָפּטע און אין אַ שטערען־טיכעל, — און האָט זיי אַריינגעפיהרט אין סאַליע, וואו דער מעשענער סאַמאָוואַר האָט שוין פרעהליך געזאָטען אויפ'ן טיש, און דער גרויסער בּלין־לאָמפּ האָט בּעלויכטען דאָס צימער גאָר יום־טוב'דיג.

אין עטליכע מינוט אַרום איז אַריין דבורה'לע, אַ פריש־איינגעוואַשענע און אַ שטייף־פערקאַמטע, אין אַ גרויע קליידעל און אַ ווייסע פּיקיינענע בּלוזקע אָרומגענומען מיט אַ שוואַרצען סאַמע־טענעם פּאַס, וואָס האָט איהר צוגעגעבּען אַנ'אונשולדיג, אָבּער נאָך מעהר קינדערש אויסזעהן.

פערנייענדיג זיך מיט אַ פערשעהמטע מינע פאַר'ן גאַסט, וואָס האָט זי גלייך גענומען בּעטראַכטען רוהיג און מעשה מבין, — האָט זי זיך געזעצט צום טיש און גענומען אָנגיסען טהעע.

אין דער זעלבּיגער מינוט איז דורך דער אָפענער טיהר פּונ'ם צווייטען צימער אַריין נחמה, טראָגענדיג אין בּיידע הענד אַ טאַץ מיט „כיבּוד".

נחמה איז געוועזען אין דער זעלבּיגער בּרוינער קלייד מיט דער סאַמעטענער קרייזעל פון אונטען — איהר בּעסטע קלייד — אין וועלכע זי איז געוועזען בּיי קאָפּעלאָוויטש'ען אין קראָם. נאָר אַנשטאָט דער שוואַרצער קאָסינקע, איז בּיי איהר אויפ'ן שפּיץ קאָפּ געלעגען אַ קליינע „גאַקאָלקע", וואָס האָט אָפען געלאָזען איהר האַלז און האָט איהר געמאַכט אינגער און שעהנער.

דערזעהן זי, איז די גלאָז טהעע אין קאָפּעלאָוויטש'עס האַנד

ז. װענדראָף.

געבליבען שטעהן האַלב־װעגס צום מויל, און ער אַליין האָט זיך עטליכע מאָל אױפגעהױבען און צוריק געזעצט זיך אױפ׳ן שטול, ניט װיסענדיג װאָס צו זאָגען אָדער װאָס צו טהאָן.

ערשט װען נחמה האָט אַװעקגעשטעלט דעם טאַץ אױפ׳ן טיש און געזאָגט „גוט׳ן אָבענד״, — איז קאָפּעלאָװיטש צו זיך געקו־מען און האָט אָנגעהױבען שטאַמלען:

— כ׳האָב זיי, דוכט זיך, ערגעץ געזעהן, מאַדאַם? מיר זענען, גלױב איך, בעקאַנט מיט זיי?...

— יאָ, איך בין יענע װאָך געװעזען אין באַברױסק, בין איך גראָד אַריין צו זיי אין קראָם... װער זאָל זיך דאָס ריכטען?...— האָט נחמה צוריק געשטאַמעלט. און איהר פּנים און װייסע האַלז האָבען זיך פערױטעלט.

„מיר פערשטעהן די קונצען״ — האָט קאָפּעלאָװיטש שױן אַ בערוהיגטער און אַ זיכערער ביי זיך, געשמייכעלט.

— ס׳איז מיר זעהר אַנגענעהם צו װסטרעטשאַיען זיך מיט זיי נאָך אַמאָל אַזױ אונעריכט — האָט ער אָנגעבױגען דעם קאָפּ נאָר העפליך.

נאָכדעם האָט קאָפּעלאָװיטש אַ גאַנצען אָבענד אָהן אױפהער גערעדט, און דערצעהלט מעשיות, און געװיצעלט זיך און געשמו־עסט פון געשעפט, די גאַנצע צייט װענדענדיג זיך צו דער מאַמען מעהר װי צו דער טאָכטער.

אַװעק פון דאָרטען איז ער שפּעט נאָך האַלבע נאַכט.

חנא־ניסן האָט איהם בעגלייט צום אַכסניה.

אַ שטיק װעג האָבען זיי ביידע געשװיגען. קאָפּעלאָװיטש האָט אונטערגעברומט אַ שטיקעל חזנישען ניגונ׳דעל און עס האָבען זיך געהערט די הילכיגע טריט זייערע אױף דעם הילצערנעם טראָטואַר.

חנא־ניסן האָט זיך אָבער מעהר ניט געקענט איינהאַלטען, און האָט אַ פרעג געטהאָן:

— נו?

— די מאַמע־יאַ. אויף דער מאַמען וואָלט איך אַ בעלן געווען.

האָט איהם חנא־ניסן געפרובירט אויפווייזען, אַז די טאָכטער איז אינגער און „מעהר שידוך", נאָר אַז דאָס האָט ניט געהאָלפען, האָט ער צוגעזאָגט: ער וועט זיך סטאַרען.

האָט ער אָבער מורא געהאַט צו קומען צו נחמה'ן מיט אַזאַ פאָרשלאַג, איז ער אַוועק צו איהר מאַמען; איז די אַלטיטשקע אַוועק צו דער טאָכטער, און אָבלויבענדיג פריהער דעם חתן אין טאָג אַריין, — האָט זי, ניט זי מיינט מען, אַרייַנגעוואָרפען:

— אַזאַ בעל־הבית'ל און אין די יאָהרען, וואָלט זיך גאָר געפּאַסט פאַר דיר, מיין טאָכטער.

אָבגעזאָגט, און געוואַרט דיא טאָכטער זאָל אויף איהר אָנ־פאַלען, אָבער אַ מאָדנע זאַך: דאָס מאָל האָט זיך נחמה ניט געבייזערט און איז ניט אופגערעגט געוואָרען ביז די וואָרצלען פון די האָר און האָט שטיל געזאָגט:

— וואָס דו קענסט אויסקלעהרען, מאַמע... כ'לעבען...

די מאַמע האָט אויף איהר אַ קוק געטהאָן. מיט איהרע אַלטע מאַמע־אויגען האָט זי גלייך געזעהן, וואָס ביי איהר קינד אין האַר־צען קומט פאָר. האָט זי אַרויפגעלעגט איהר טרוקענע, צוקנייטשטע האַנד אויף איהר טאָכטער'ס ווייכע און גלאַטע האַנד, און האָט שטיל ווי איינגערוימט איהר:

— וואָס איז? נאָך ניט צייט, טאָכטער? נישקשה, דבורה'לע וועט קריגען אַ בחור, אַזאַ שטיק גאָלד זאָלסטו האָבען...

נחמה האָט טיעפער אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און געשוויגען.

ז. וועגדראָף.

אין יענע נעכט, ווען זי פלעגט פאַר קיין פאַל ניט קענען איינשלאָפן, ווען זי פלעגט זיך וואַרפן פון איין זייט אויפ'ן צווייטן און אַלע ווײַלע איבערגעדרעהט די הייסע קישען פון איין זייט אויף דעם אַנדערן. ווען דאָס האַרץ פלעגט זיין אַזוי אומרוהיג און אין מח פלעגן זיך, ניט ווילענדיג, פּלאָנטערן אומגעבעטענע געדאַנקען וועגן חתונה האָבען, וועגן אַ בעל־הבית אין שטוב, וועגן אַ מאַן, ס'זאָל זיין מיט וועמען צו געהן אין שוהל און פון שוהל, — פלעגט ער זיך איהר פאָרשטעלען פונקט אין אַזאַ געשטאַלט: אַ געזעצטער מענש, אַ סאָלידער, אַ געלאַסענער, אַ בר־דעת, אַ אידישער מענש און היינט־וועלטיגער אויך.

— וואָס־זשע שווייגסטו, טאָכטערקע? — האָט די מאַמע איבערגעשלאָגען איהרע אָבגעריסענע געדאַנקען.

— ס'איז דאָך אַ חרפה פאַר דבורה'לען... האָט זי נאָך שטילער און ניט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ געענטפערט.

— געה, קינד־איינס! הערסט דאָך, וואָס חנא־ניסן זאָגט: „דבורה'לען ווילען מיר, אי"ה, חתונה מאַכען מיט זיין זוהן...". „דיינער" האָט דאָך אַ זוהן — אַ קאַרפירער אתרוג! זאָל ער נור דעם פריזיוו פטר'ן... אַז „דיינער" איז אויך מכבים... אָט פרעג חנא־ניסן'ען... פאַר ביידען גלייכער... ער פאַסט פאַר דיר און דבורה'לע. דאַרף אַ בחור פאַר אַ חתן... איז וואָס זאָגסטו, טאָכטער?...

די טאָכטער האָט געשוויגען.

אין צוויי וואָכען אַרום האָט נחמה חתונה געהאַט מיט מענדיל קאָפּעלאָוויטש.

א געוועהנליכע געשיכטע.

I.

ווען נח צימערינג איז נאך געוועהן א בחור, האט ער בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן, וואס הייסט א ווייב גראב אנטרעטען,

— וואלט איהר, א שטיינער, געהאט די העזה צו באליידיגען אייער שכנ׳ס ווייב? — פלעגט ער פרעגען, — אמת, ניין! היינט פאר־וואס — ושע זאל ביי אייך אייער אייגענע ווייב שטעהן נידריגער פון אייער פריינד׳ס ווייב? וואו איז דער שכל? וואו איז דער יושר?

צימערינג האט, בכלל, געהאלטען, אז דער אמת׳ער איידעל־מאן דארף גאר ניט חתונה האבען, נאר אז ער האט שוין חתונה, זאל חאטש פון איידעלמאן ניט ווערען פראסט א מאן:

— שעקספיר האט גוט געטהאן, וואס ער האט געטויט ראמעא און יוליא פאר זייער חתונה — פלעגט ער פילאזאפירען. — דער גרויסער קינסטלער האט פערשטאנען, אז ווען עס קומט שוין דער־צו, אז דער געליבטער דארף צו וויגען דאס קינד און די גע־ליבטע — צירעווען דעם מאנ׳ס סקארפעטקעס, — איז, אז אך־און־וועה צו דער ליבע. עס ווערט צו וואכעדיג, איהר פערשטעהט...

ז. װענדראָף.

אָבער אַז איהר האָט שוין יאָ חתונה, זעהט האָטש די פרוי זאָל בײַ אײַך ניט פערשקלאַפט װערען; זי זאָל בײַ אײַך אין גאַנצען ניט פערװאַנדעלט װערען אין קאַרטאָפעל־שײלערקע און זאָקען צירעװערקע.

— אפשר אַ סברה מיר זאָלען זיך אַלײן נעהמען זאָקען צי־רעװען און װאַרמעס קאָכען צוליעב די „בעפרײַאונג“ פון דער פרוי? — פלעגען זײַנע געגנער, װאָס האָבען געהאַלטען, אַז „אַ װײַב איז אַ װײַב, און אַ מאַן איז אַ מאַן“, אונטערלאַכען פון איהם.

— אויב דו האָסט צײַט — פאַרװאָס ניט! פלעגט צימערינג נאַנץ ערענסט ענטפערען.

— און די פּאָדלאָגעס סקראָבען, און די װינדעלעך װאַשען?

— און די פּאָדלאָגעס סקראָבען, און װינדעלעך װאַשען — ענטפערט צימערינג מיט די זעלבינע װערטער, נאָר אויף אַן־אַנדער שטײַגער.

— מלמד דו! איז בײַ דיר רעכט, אַ מאַנסביל זאָל זיך לעגען אויף דער ערד און סקראָבען פּאָדלאָגעס, צו שטעלען זיך איבער אַ באַלײיע װינדעלעך? איז עס אַ פּנים, אַ מלאכה פאַר אַ מאַנס־פאַרשוין? פּאַסט עס פאַר אַ מאַנסביל?

— ביזט אַלײן אַ שוטה — װערט צימערינג ניט נתפעל. — דאָס, װאָס עס פּאַסט פאַר דײַן װײַב, פּאַסט פאַר איהר מאַן...

װער רעדט, קריגען זיך מיט אַ װײַב — דאָס איז אַ זאַך, װאָס צימערינג האָט זיך אַפילו ניט געקענט פאָרשטעלען. װאָרום ממה־נפשך, שטימט מען, איז גוט; אלא ניט איז דאָך אַ סימן, אַז ס׳איז ניט קײן גלײַכע פּאָר — צושײדט מען זיך.

— דער גאַנצער אומגליק איז, װאָס איהר פאָדערט פון אײַערע פרויען צו פיעל — פלעגט ער געבען צו פערשטעהן די סיבה פון

בעזע לעבענ׳ס צווישען מאן און פרוי, — וואס פאר א רעכט האט איהר צום ביישפיעל, צו פאדערען פון אייערע פרויען זיי זאלען אייך בעדינען? זיי זענען אייערע דיענסטען צו אייערע שקלאפען, וואס?

און דא פלעגט ער ערשט האלטען א לאנגע לעקציע, ווי אזוי אן־אינטעליגענטער מענש דארף בעהאנדלען די פרוי, ווער די פרוי איז און וואס זי איז, וואס פאר א ראליע זי האט געשפיעלט אין דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט און וואס פאר א ראליע זי שפילט איצט, וואס פאר אן־ארט זי דארף פערנעהמען און וואס פאר אן־ארט זי וועט פערנעהמען און אזוי אהן א סוף, ביז זיינע צוהערער פלעגען פערלירען דעם געדולד און אנהויבען מאכען אויף איהם מיט די הענד!

— גענוג, גענוג זאל דיר זיין דרשה׳נען, דו ווערסט חתונה האבען, וועלען מיר דאמאלס רעדען.

האבען זיי זיך אויך דערוואַרט. אבער צו וואס צובינדען זיך האבען זיי ניט געהאט.

א שעהן לעבען, א גליקליך לעבען!

זיין מאניא לאסצעט זיך צו איהם, ווי א קעצעלע; ער איז ליבליך־גוטמוטהיג. ער קומט אין אבענד א היים, טרעפט ער א חנ׳עוודיג, פרעהליך פנים, א געדעקטען טיש, אויף וועלכען יעדער טעלער גלאנצט און יעדער דרשה־געשאנק־לעפעל בלאנקט, ווי אמת׳ער זילבער. דאס יונגע ווייבעלע דערלאנגט דאס עסען, וואס האט יעדעס מאהל אן־אנדער טעם: אמאל איז עס צוגעברענט, אמאל שמעקט עס מיט רויך, א מאל — געזאלצען, א מאל — גאר אהן זאלץ, ווי גראז, א מאל — האלב־רוי, אמאל וואסעריג און א מאל האט עס אלע זיעבען טעמים צוזאמען.

ציטערינג עסט, לעקט ממש די פינגער, און שווערט, אז ער

האָט נאָך אַזוינס אין זײַן לעבען ניט געגעסען... מאַניא קוועלט אָהן פון איהר אייגענע בריה׳שקײַט און דערלאַנגט איהם דערפאַר אַ פרישע, ראָזיגע בעקעל צום פערבײַסען.

צימערינג האָט אפילו ניט איין מאָל חשק געהאַט אויסצוזאָגען איהר דעם סוד, אַז די היט, וואָס זי האָט געמאַכט פאַר דער חתונה, האָבען געהאַט מעהר טעם, ווי די מיטאָגען, וואָס זי קאָכט נאָך דער חתונה, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטען, געדענקענדיג, אַז צווישען אינטעלעגענטע מענשען דאַרף איבער אַזעלכע קלײניגקײַטען קײן רעד ניט זײַן...

שׂונאים איז אפילו יאָ בעשערט געווען צו זעהן אַ פאָר קלײנע ברוגז׳לעך צווישען דאָס פאָר־פאָלק, פאַר אַזעלכע וויכטיגע זאַכען, ווי, אַ שטײנער, דערפאַר, וואָס צימערינג האָט פערגעסען צו קושען זי פאַר׳ן אװעקגעהן פון דער הײם, אָדער פאַר רופען זי „מאַניא", אַנשטאַט „מאַניטשקאַ". זײ האָבען געזעהן, ווי מאַניא איז אומגענאַנגען מיט אָנגעבלאָזענע ליפּעלעך און האָט אפילו אַ פאָר טרעהרען פערגאָסען, און האָבען זיך שוין געפרעהט: „אָט. הויבט זיך אָן", — זײ האָבען אָבער געזעהן, ווי צימערינג האָט שפּעטער געקושט די זעלביגע ליפּעלעך און האָט מחילה געבעטען אַ שעהן לעבען—ניטאָ צו וואָס צוטשעפּען זיך?

II.

פונקט נאָך זיעבען־און־צוואַנציג טעג פון זונען שײַן איז אָנגעקומען דער ערשטער גרויסער שטורם און האָט אָנגעמאַכט חורבנות אין נעסט פון גליק.

צימערינג איז געקומען אין אָבענד אַהײם און פערבײַנעהענדיג

אַ נעווענהנליכע געשיכטע.

מאַניאַ'ן, וואָס האָט איהם, ווי געוועהנליך, בעגעגענט ביי'ם טהיר מיט אַליבליכען שמייכעל, — האָט ער זיך מיעד אַראָבגעלאָזען אויף דער צעראַטענער סאָפקע, וואָס ער האָט גענומען אויף אויסצאָהלען, און — ניט אַ וואָרט.

וואַרפט אויף איהם מאַניאַ אַ פערוואונדערטען בליק און מאַכט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין אַריינגאַנג? כ'בין דיר שוין מוחל דיין זיסען קוש, אָבער וואו איז דיין „גוט'ן אָבענד?"

הויבט צימערינג אויף דעם קאָפּ, גיעט אַ קוק פערביי איהר און — שווייגט.

מאַניאַ איז צו אַזוינס ניט געוועהנט. פערשטעהט זי, אַז עפּיס איז ניט גלאַט, געהט זי צו צו איהם און פרעגט ווייך:

— וואָס האָט דאָרט פּאַסירט אַזוינס, וואָס דו ביזט אַזוי צוטראָגען, נח'קע?

— וואָס קלערסט דו — האָט זיך צימערינג מיט אַמאָל אַ ריס געטהאָן, — עס קלעקט גענוג פאַר'ן טאָג.

— דאָס לעבען דערעסען זיי איהם, די אַרעסטאַנטען! — שטויסט זיך מאַניאַ אָן.

— מילא, דערצו איז מען שוין ברוך השם, געוואָהנט — גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנד.

— וואָס דען האָט געטראָפען? ווייטער אַנ'אוראָק פערלאָרען?

— הלואי וואָלט איך זיי אַלע פערלאָרען, וואָלט איך געוואוסט, אַז איך ווער פּטור פון מיין פינסטער ברויט — ווינשט צימערינג שטאַרק צורייצט.

— נו, שאַ, שאַ, וואָס ביזט דו אַזוי פערצווייפעלט, וואָס?

— ווערסט זיין פערצווייפעלט, אַז דו ווערסט פערלירען דעם בעסטען אוראָק.

ז. וועגדר אף.

– לאזינסקי׳ם אוראק?! פארוואס?

– דערפאר, וואס איך האב געזאגט זייער תכשיט, אז ער איז אן׳אידיאט.

ווייסט דו וואס, מיין טייערינקער? אט האב זיי גאר א שווארץ יאהר... ניט כדאי, כ׳לעבען, דאס הארץ אבצוועסען זיך איבער אזעלכע חזירים.

– פון מייניטוועגען מעגען זיי האבען אפילו אכציג שווארצע יאהר – איז צימערינג מסכים, – נאר וואס וועלען מיר טהון אהן דעם אוראק – ווייס איך אסור.

– וועסט דו קריגען אנ׳אנדער אוראק; א דאגה ס׳איז.

– „אנ׳אנדער אוראק״, גרינג צו זאגען! – ווערט צימערינג אויפגערעגט – קנאפ לעהרער געהען ארום אפילו אהן איין אוראק.

– ניש־קשה, דער הימעל לעגט זיך נאך ניט אויף דער ערד – טרייסט איהם מאניא מיט א זיכערען פאקט.

– וואס פערשטעהסט דו, וואס?! – ווערט שוין צימערינג שטארק אין כעס.

– איז וואס־זשע שרייסט דו אויף מיר, וואס? וואס בין איך שולדיג?

– איך שריי ניט, און לאז מיך צופריעדען! – איז צימערינג אין גאנצען ארויס פון די כלים.

מאניא האט געפיהלט, ווי עס קאכט ביי איהר אן אויפ׳ן הארצען. עפעס רעדט ער ניט צו איהר, נאר ער בעזערט זיך, די ווערטער רייסען זיך ביי איהם ארויס, ווי א מין האווקען. זי האט א קוק געטהאן אויף איהם מיט דעם ערשטען בעזען בליק, נאר פון זיין ליידענדען בלייכען פנים, איז איהר פערדרוס פערביטען געווארען אויף רחמנות.

– מײַן מאַנעלע איז צעטראָגען... עס דרעהט איהם נעבּיך דאָס קעפּעלע פאַר זײַן ווײַבּעלע...– האָט זי זיך געלאַסציעט צו איהם, – די גראָבּע חזירים מאַבּען איהם פאַר אַ בּעזינקען, וועל איך איהם אַ קוש טהון אין שטערענדעל, וועט ער ווערען אַ גוטינקער...

און אַרומנעהמענדיג מיט איין האַנד זײַן האַלז, האָט זי מיט דער צווײַטער צוגעצויגען זײַן קאָפּ צו זיך און געוואָלט אַ קוש טהאָן איהם אין שטערען.

צימערינג האָט לאַנגזאַם אַראָבּגענומען איהר האַנד פון זײַן אַקסעל, אַזוי ווי זי וואָלט געווען אַ צו שווערע משׂא פאַר איהם, אַ דרעה געטהון מיט'ן קאָפּ און אַ בּורטשע געטהון:

– אײַ... לאָז...

זי האָט זיך אָבּער אַלץ געליאַסציעט צו איהם.

– נו, נח'קע, זאָרג־זשע ניט, די וועלט געהט ניט אונטער, ווער פרעהליכער; קום עסען. – האָט זי איהם געפּיעסצעט, ווי מען פּיעסצעט אַ קינד.

– וועמען קריכט אין האַלז עסען? – האָט ער זיך אַלץ געבּלאָזען.

– נו, קום שוין, קום! אײַ האָבּ איך הײַנט געקאָכט אַ ווע־טשערע, – וועסט דו לעקען די פינגער.

נח האָט איראָניש אַ שמײַכעל געטהון און אָנגעבּלאָזען גע־ענטפערט:

– כ'וויל ניט עסען...

– וועל איך אויך ניט עסען – סטראַשעט זי איהם.

שווײַגט ער. עס קימערט איהם, קענטיג, ניט...

– דו געהסט עסען? נו, קום שוין, קום! שאַ מ'קלינגט. דאָס געהט אַודאי חפּ'ן; ער קומט שטענדיג אין דער צײַט...

נו, קום זשע צום טיש, עס פּאַסט ניט פאַר אַ פרעמדען מענשען.

חפץ, אויך אַ לעהרער, אויך אַן אָרימאַן און דערצו אַ טאַטע פון פינף האַלב־הונגעריגע קינדער און אַ מאַן פון אַ קראַנקע, האַלב־משוגענע װײַב, — פלעגט פון זײַן לעצטען אוראָק גלײַך קומען צו די צימערינגס אָברוהען פון דעם טאָג האַרץ־עסעניש, און נאָך מעהר — פון זײַן „אײגענעם װינקעל".

דאָס גליקליכע פּאָר פאָלק, די בעקװעמליכקײַט, די רײַני־קײַט און זױבערקײַט אין זײער קלײנעם נעסט; די צופרידענקײַט, װאָס האָט דאָ געהערשט, — האָבען איהם דערמאָנט אָן יענע יאָהרען, װען ער אַלײן האָט איבערגעלעבט זײַן „האָניג־חודש", װעגען די יאָהרען, װאָס קומען ניט צוריק.

קוקענדיג אויף דער יונגער און בעחנ'טער מאַניאַ, פלעגט ער זיך דערמאָנען, װי די זעלביגע הויכע און דאַרע ציפּע זײַנע, מיט איהר אויסגעצויגענעם פּנים, װאָס איז געלב און טרוקען, װי פּאַרמעט, — איז אַ מאָל אויך געװען אַזױ יונג און פריש, װי מאַניאַ, און איהר איצט אויסגעקרימטע פיגור איז געװען שלאַנק און בויגיג, װי אַ יונגע בערעזעװע בױמעלע... דאָס שװאַרצע פּעפּערעל בײַ דער רעכטער זײַט נאָז, װאָס מאַכט איהר איצט אַזױ מיאוס, האָט דאַמאָלס, אויף איהר פריש געזיכט, גאָר אַן אַנדער חן געהאַט...

און די אויגען איהרע זענען אויך ניט געװען אַזױ אויפגערעגט און טרוקען, װי איצט. װײ און װילד האָבען זײ דאַמאָלס געקוקט. געלאַסציעט האָבען זײ. און די ליפּען! װער קען איצט אין די צװײ בלויע דינע שנירלעך, װאָס שיטען קללות אויף דער גאַנצער װעלט און אויף זיך אַלײן, — דערקענען יענע ליפּען, װאָס זענען געװען רויט, װי קאָראַלען, און פריש, װי קאַרשען, װען דער טהוי ליגט נאָך אויף זײ... װער װאָלט גלויבען, אַז איהר געלעכטער,

וואָס האָט געקלונגען אַזוי פריש און הילכיג, — וועט פערוואַנדעלט ווערען אין אַ היסטערישען קוויטש... פונקט ווי זי איז זי געווען, ווי מאַניאַ... נאָך שעהנער און ריהרענדיגער פון איהר...

חפץ פלעגט אַריינגעהן, אַריינוואַרפען דעם „גוט׳ן אָבענד“ גלאַט אין דער וועלט אַריין און, אָהן ווייטערדיגע דיבורים, זעצען זיך אויפ׳ן קאַנאַפּע און שווייגען. צוקוקען ווי דאָס פּאָרל עסט פון איין טעלער, לעגען זיך איינער דעם צווייטען דעם ביסען אין מויל, דינגען זיך ווער עס זאָל אויפעסען דעם לעצטען פּאָרעם פלייש, קוקען אַ הינטער אויף איהם און כאַפּען אַריין אַ שטילען קוש, לאַכען, שטיפען הינטער אַרום, זאָגען זיך ווערטלעך, וואָס האָבען פאַר אַ זייטיגען מענשען קיין שום בעדייטונג ניט, אָבער וועלכע זענען פול מיט אינהאַלט פאַר זיי ביידען... וואָס חפץ קלעהרט בעת מעשה, דערצעהלט ער קיינעם ניט. נאָר דער קרענקליך־גוטמוטהיגער שמייכעל אויף זיינע ליפּען און דער נעץ פון דינע קנייטשעלעך, וואָס צולעגט זיך אַרום זיינע מידע אויגען, דריקען גוטמוטהיג אוים: האָט הנאה, קינדערלעך, חאַפּט אַריין, אייער וועלט איצט... שטערט זיך ניט, איך זעה גאָרניט...“

מיטעסען מיט זיי האָט מען איהם קיינמאָל ניט געקענט איינבעטען. אַ גלעזעל טהע, ווען זיי וועלען אַליין טרינקען נאָך וועטשערע — מהיכא תיתא!

דאָס מאָהל איז ער, ווי געוועהנליך, אַריין אין שטוב און גלייך געגאַנגען אויף זיין אָרט — צום קאַנאַפּע.

דערזעהן ציטערינגים פּנים, האָט חפץ׳ן אַ טיאָכקע געטהאָן אין האַרצען, גלייך זיין איינענער גליק וואָלט דאָ געשטאַנען אין געפאַהר. ער האָט זיך געטופּעט אויף איין אָרט און געשטאַמעלט:

— נאָך פּאָר וועטשערע בײַ אײַך?... אַזוי שפּעט, הײַנט? עפּעס ניט אין גאַנצען, וואָס, ציםמערינג?...

ער האָט גלײַך דערשמעקט, אַז דאָ איז אַ רעכטער ברוגזיל, אָבער מ'איז דאָך ניט מחויב צו בעווײַזען, אַז מען פערשטעהט אַלץ. אַ מענש דאַרף דאָך אין זיך האָבען אַ ביסעל איידעלקײַט...

— אָט, ער לאָזט זיך בעטען — וויל ניט געהן עסען — האָט מאַניאַ מיט אַ האַלב־געמאַטערטען שמײַכעל ערקלעהרט, — אַנ'אוראָק פערלאָרען — מײַנט ער די וועלט געהט שוין אונטער.

— דאָס איז גאָר? וואונדערט זיך חפץ, אַ שטײַנער אוראָקען וואָלטען בײַ איהם געווען די לעצטע דאגה, — וואָלט אַזוי אַ דאגה געווען יורען מיט צרות, ווי ס'איז אַ דאגה מיט אוראָקען — האָט ער זיך געוויצעלט, — געה, נעה, נח, מאַך ניט קײַן שטיק און געה עסען.

ציםמערינג'ן איז געפעלען מען זאָל איהם בעטען, איז ער געבליבען זיצען, פינסטער ווי די נאַכט.

מאַניאַ האָט פּאָר קײַן פאַל ניט געוואָלט חפץ זאָל בעמערקען, אַז צווישען איהר מיט איהר מאַן קומט עפּעס פאָר, האָט זי צוגעלענט איהרע ליפּען צום מאַנ'ס אויער, כלומר'שט זי וויל איהם אײַנרוימען אַ סוד, און האָט איהם אַ קוש געטהון.

חפץ האָט עס בעמערקט און זײַן פּנים איז ליבטיג געוואָרען, פּונקט ווי ער אַליין וואָלט עס געכאַפּט דעם קוש.

אויף ציםמערינג'ס ליפּען האָט זיך בעוויזען אַ פערקרימטער שמײַכעל און מיט אַ קול פון אײַנעם, וואָס לײַדט פון צײַהן וועהטאָג, האָט ער אויסגעקוועטשט:

— נו, לאָ'מיר שוין אָב'פטר'ן אַמאָל דײַן וועטשערע...

— אָט אַזוי — האָט זיך מאַניאַ דערפרעהט — אַזוי ביזט דו אַ וואוילער יונגעל!

און אָנגעהמענדיג איהם ביי דער האַנד, האָט זי איהם צוגע־פיהרט צום טיש.

די געוועהנליכע היימליכקייט האָט אָבער דאָס מאָל גע־פעהלט ביים טיש.

צימערינג האָט געזופּט דעם האַבערנעם קרופּניק און נאָך יעדער לעפעל געמאַכט אַפּנים, ווי נאָך ריצינאייל... מאַניא האָט געשוויגען, אָבער זי האָט געפיהלט, אַז איהרע נערווען זענען אָנגע־צויגען ווי סטרונעס. אַ קנויל האָט זיך איהר אונטערגעקייקעלט צום האַלז און האָט זי געוואָרגען. ווען חפץ וואָלט דאָ ניט געווען, וואָלט זי זיך פונאַנדערגעוויינט.

צימערינג האָט אויסגעזופּט עטליכע לעפעל קרופּניק, אַלעג געטהון די לעפעל מיט אַ בראָוג אין טעלער אַריין. אַ שאַר־געטאָן דעם טעלער פון זיך, אָבגעוואָרפען זיך אַ הינטער און גענומען קוי־קען אויפ'ן סופיט, קלאַפּענדיג בעת מעשה מיט'ן פוס אין פּאָדלאָגע...

מאַניא איז רויט געוואָרען, נאָר זי האָט איינגעהאַלטען גע־פרעגט.

— פאַרוואָס עסט דו ניט?

— ווייל איך וויל ניט! — האָט צימערינג אָבגעהאַקט, ניט אָבּ־רייסענדיג זיינע אויגען פון סופיט.

וואָס פעהלט דאָ?

— עס פעהלט גאָר ניט... ס'איז נאָך פאַרהאַן צו פיעל... רויך...

— און אַז עס מאַכט זיך אַמאָל, דאַרף מען זיך אַזוי וואַרפען?

— „עס מאַכט זיך אַמאָל!" האָט זיך שוין ווען געמאַכט ביי דיר, מען זאָל יאָ קענען עסען?

— גאָר אַזוי?...

— אֶפשר נײַן? אָדער פֿערבּרענט, אָדער פֿעררױכערט, אָדער געזאַלצען, אָדער ס'איז גלאַט אַ בּיסעל פֿאָילע... מען קען קײן זאַך אין מױל ניט נעהמען!...

— פֿון װען אָן איז עס געװאָרען? פֿלעגסט, דוכט זיך, לעקען די פֿינגער פֿון מײַנע עסענס?

מאַניאַ האָט געפֿיהלט, אַז דאָס האַרץ פּלאַצט בּײַ איהר פֿון כּעס, נאָר איהר האָט זיך זעהר ניט געװאָלט, אַ פֿרעמדער מענש זאָל זעהן, װי איהר מאַן בּעלײדיגט זי, האָט זי געפּרובּט מאַכען עס צום שפּאַס.

— אַװדאי קאָכט מען בּײַם קסר בּעסער — מאַכט זי מיט אַ געמאַטערטען שמײכעל.

— בּײַם קסר? אַניאײגענס, װאָס מײַן מאַמע קאָכט בּעסער — לאָזט זיך צימערינג ניט פֿעררעדען.

— אַז דײַן מאַמע איז אַזאַ גוטע קעכין, טאָ גײ צו איהר עסען — האָט זיך שױן מאַניאַ ניט געקענט אײַנהאַלטען.

— הלואי װאָלסט דו געװען װי מײַן מאַמע — פֿערװילט זיך צימערינג'ן.

— האָסט דו געװאָלט חתונה האָבּען מיט דײַן מאַמען, אַז זי געפֿעלט דיר אַזױ...

— שטיל דו נולם! װאָס זענען דאָס פֿאַר אַ רעד?; מײַן מאַמען זאָלסט דו מיר ניט טשעפּען! — האָט זיך צימערינג אָנגעצונדען.

— גראָבּער יונג! װאָס שרײַסט דו אױף מיר, װי אױף אַ דינסט? — האָט מאַניאַ אױך אױפֿגעפֿלאַקערט.

— געפֿעלט די ניט אַ גראָבּער יונג, — האָסט דו זיך געמעגט אױסזוכען אַן'אַנדערען! כ'האָבּ דיך מיט געװאַלד ניט געשלעפּט.

— שוסטער!

– דו פאסט זיך טאקי פאר א שוסטערס א ווייב – האט זיך ציטערינג מיט איהר פערהערט.

– און דו האסט געדארפט אנקריגען אזא ווייב, וואס זאל דיר פאר אזעלכע גראביאנסקע רעד, גוט אויספראסקען דיין מיאוס'ן פנים – האט איהם מאניא געמאכט א קאמפלימענט.

– נישקשה, קיין ערגערע מכשפה פון דיר, דארף מען שוין ניט – האט ער ניט געוואלט בלייבען קיין בעל-חוב.

חפץ, א בלייכער ווי קאלך, איז צוגעלאפען צו זיי, אויפגע־הויבען די הענד אין דער הויך און געבעטען זיך:

– נו, נו, נו... שא, שא, גענוג!... פע, פע, פע, קינדער!.. חלשות. מיאוס... אי, אי, אי! וואס טהוט איהר, גזלנים!... אי, אי, אי!...

אבער זיי האבען שוין ביידע ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט זיי. זיי זענען שוין געקומען צו יענעם צושטאנד, ווען מען הערט ניט און מען ווייס קיין זאך ניט, און ווען עס בלייבט איבער נאר איין וואונש: וואס טיפער, וואס וועהטאג דיגער א שטאך טהאן איינער דעם צווייטען.

– דאס האלט זיך נאך פאר „הינטעלעגענט”. און זידעלט זיך ווי א שיכור'ער איזוואשציק! – ווארפט אריין מאניא, – און איהר פנים איז פערקרימט פון וועהטאג.

– איז טאקי אז אך און וועה צו איהם, אז ער דארף פערברענ־גען א לעבען מיט א מארק-יודענע – האט ציטערינג א פארטיגען ווארט.

– באד-יונג!

– מיט א געוועזענע דינסט-מויד... מיינסט, איך ווייס ניט?...

– פאדליעץ! לומפ! – קוויטשעט מאניא אויף דער העכסטער אקטאווע – און ציטערט ווי אין א פיבער.

ז. װענדראָף.

— מיט אַנ׳אויסװאורף! — שנײַדט ציטערינג, װי מיט אַ מעסער.
און פון זײַנע אויגען שפּריצט אַ גרינער, מיאוס׳ער פײַערעל.
מאַניאַ האָט זיך אַ פּאַטש געטהאָן מיט בײדע הענד איבער׳ן פּנים, און פון איהר האַלז האָט זיך אַרויסגעריסען אַ קװיטשיגעס געװײן, אויסגעמישט מיט אַ היסטערישען געלעכטער.

חפצ׳ן האָט געװאָרפען, װי אין קדחת.

מיט ברענענדיגע אויגען און אויפגעהויבענע הענד איז ער צוגעלאָפען צו ציטערינג׳ן און טרײסלענדיג איהם פאַר די אַקסלען געשריען:

— דו זאָלסט אַזױ בעהאַנדלען אַ פרוי?!. דו?!!...

— אָבער הער...

— װאָס מיר הער, װער מיר הער! דו בעל-מוסר, דו מאַ-ראַליסט!.. לײַטען נאָר שטענדיג געלערענט!... דו, ביזט אַ... דו ביזט אַ... דו-דו-דו...

— איך, איך, איך! — האָט איהם ציטערינג איבערגעשריהען, און אַרויסגעריסען זיך פון זײַנע הענד, — איך, איך, איך! דו האָסט שוין אַמאָל געפּרובט האָבען אַ פּראָסטע זאַך פאַר אַ װײַב?... פּרוביר װעסט דו װיסען װי צו דוקען...

און אַ װעטיג געבענדיג מיט׳ן טהיר, איז ער אַרויסגעלאָפען פון שטוב.

מאַניאַ האָט געװײנט און געלאַכט...

אַ גוּטער בּרוּדער.

I.

פאָהרענדיג פון קאָנאָטאָפּ אויף די אַנדערע טעג סוכּות צו דער כּלה קיין זשמערינקע, האָט זיך אביגדור ווילענטשיק געטראָפען אין וואַגאָן מיט זיין בּן־עיר און אַלטען בּעקאַנטען סנדר׳קע מייטשיק, מיט וועלכען ער האָט זיך שוין אַ צייט יאָהרען ניט געזעהען, — און האָט זיך מיט איהם דערפרעהט, ווי מיט אַ פעטער פון אַמעריקא.

— סנדר׳קע! סאַשאַ! ווי קומסט דו אַהער? — האָט זיך ווילענטשיק צו איהם אַ חאַפּ געטהון.

— ווי איך קום אַהער איז קיין חידוש ניט. ווער דען וועט געבּען צו לייזען די בּאַהנען, אַז ניט אַלעקסאַנדר מייטשיק? זאָג מיר בּעסער, ווי אַזוי האָסט דו זיך אָבּגעריסען פון דיינע ריצענאייל מיט די ריבּאַרבּערים און האָסט זיך געלאָזען אין דער וועלט אַריין? — האָט זיך מייטשיק געחידושט. — ניט אַנדערש, אַז דו פאָהרסט נאָך אַ ירושה.

— בּעסער, ווי נאָך אַ ירושה. חע־חע! איך פאָהר, גוטער

ברודער, צו מיין כלה – האָט ווילענטשיק אַזאָג געטהון מיט אַ שטיקעל גאוה פון אַ מענשען, וואָס פיהלט, אַז ניט יעדערער קען זיך צו איהם גלייכען.

– וואָס, בינדור ווילענטשיק, אַ חתן! – האָט מייטשיק פערוואונדערט אַ פּאַטש געטהון מיט די הענד, – אַוועקגעוואָרפען די קאַנדעל־פּיסעל, מיט די שפּאַנישע פליגען, מיט די הוסט־ספּעציעס, מיט דער גאַנצער קראָם פלאַסטער'ס, און נאָר געוואָרען אַ חתן אויף דער עלטער! נו, נו, וואָס גאָט קען אַלץ מאַכען!

– חע, חע, חע! – האָט ווילענטשיק געלאַכט מיט אַ דראָבנעם געלעכטערל פון אַ מענשען, וואָס פיהלט, אַז מען מאַכט איהם קליין, און וויל דערפון מאַכען אַ שפּאַס, – חע, חע! נאָך אַלץ דער זעלביגער סאַשקעלע, אַלץ מיט אַ וויטצעל, מיט אַ געלעכטער, מיט אַ שוטאָטשקע...

– וואָסערע שוטקעס? – טשודאַק טשעלאָוויעק! – האָט מייטשיק אָנגעשטעלט כלומר'שט אַ ערענסטען פּנים, – כ'זאָג דיר, דו האָסט מיך פּראָסטאָ פאַראַזשאַיעט! אַ מענש זיצט אָב בּיז פערציג יאָהר אין אַ אַפּטייק־קראָם, און פערקויפט ביטער־זאַלץ מיט קאַסקאַראַ, און מיט אַמאָל געהט ער גאָר חתונה האָבען! ווער זאָל זיך אויף דיר ריכטען אַזאַ מפּלה, האַ? איך בין געוועזען זיכער, אַז דו וועסט אַזאַ נאַרישקייט ניט טהון.

– שוין דעם פערטען מאָל, אַז איך האָב אַזאַ מפּלה – האָט ווילענטשיק, ווי פערשעמט, מודה געוועזען פאַר זיין פריינד.

– וואָ־אָס? – האָט זיך מייטשיק אַלץ מעהר געוואונדערט, – דעם פיעסטען מאָל אַ חתן און מיך אפילו איין מאָל אויף תנאים ניט פערבעטען? אָט האָסט דו דיר אַ גוטען ברודער פון קאָנאָטאָפּ!

– ווער האָט דען געוואוסט, וואו דיין געביין איז אַהינגעקומען?

אימיצער ווייס א פנים, וואו דו טראגסט זיך אויף דער וועלט? ווי לאנג איז שוין פארהאן, זינט דו ביזט דאס לעצטע מאל געוועןאין קאנאטאפ? שוין זיין א יאהר זיבען, הא? און אפשר די גאנצע אכט? פון דאמאלס אן, איז ניט מען האט דיר געזעהען, ניט מען האט געהערט פון דיר. ווען ניט ווען פלעגען נאר צו אונז דער־גרייכען אלערליי מאדנע מעשיות וועגען דיר... ווייסט דאך קא־נאטאפער ספליאטקעס!...

— מילא, מיך לאז אן א זייט — האט מייטשיק אונצופריעדען א מאך געטהון מיט'ן האנד, — אט דערצעהל בעסער דו וועגען דיינע ראמאנען, דאס וועט זיין אינטערעסאנטער און פרעהליכער.

— ראמאנען? געה, ווי קום איך צו ראמאנען — האט ווילענטשיק געקוויינקעלט.

ווילען האט זיך איהם שטארק געוואלט אויסרעדען פאר מייטשיק'ן. א קלוגער יונג, אויסען־געוועזן א וועלט, פארהאן מיט וועמען א ווארט צו רעדען. אגב, וואלט מען זיך געקאנט מיט איהם מיישב זיין, ווי טאפט מען אן, צי וועט דער כלה'ס פאטער אב־געבען דעם נדן, צי דאס איז ניט מעהר, ווי צוגעזאגט. ער האט געהערט, אז ער איז א איד אנ'אביון.

נאר עפעס האט ער מורא געהאט פאר מייטשיק'ן. מען קען ביי איהם קיינמאל ניט וויסען, צי לאכט ער, אדער ער מיינט ערנסט.

ער געדענקט נאך פון אמאליגע יאהרען, ווי ער האט ליעב געהאט חוזק מאכען פון איהם. דער צונאמען „אלטע יתומה”, וואס עס איז איהם פערבליבען ביז הייגטיגען טאג, — שטאמט אויך פון מייטשיק'ן...

— נו, א סוף, לעג שוין ארויס דיין פעקעל! איך זעה דאך,

ז. װענדראָף

אַז דיר פּױזט, אַז דו הלש'ט בעריהמען זיך מיט דײַן כּלה – האָט איהם מײַטשיק צוגעגעבען חשק, – מאַך־זשע קײַן שהיות ניט, װאָרום אין זשמערינקע געה איך אַראָב, װעסט דו מיר װײַטער זיבען יאָהר ניט זעהען.

– װאָס, דו פאָהרסט אויך קײַן זשמערינקע? – האָט זיך װי־לענטשיק דערפרעהט, – פאָהרען מיר דאָך צוזאַמען. אויף לאַנג פאָהרסט דו?

– אַ צװײַ־דרײַ טעג.

– װי באַלד אַזוי, װיל איך, דו זאָלסט אָנקוקען מײַן כּלה – האָט װילענטשיק געבעטען.

– אויב אַ שען מעדעל – פאַר װאָס ניט.

– אין מײַנע אויגען איז זי אַ שענע – מאַכט װילענטשיק צופריעדען.

– און די ערשטע דרײַ? – האָט איהם מײַטשיק געצװיגען פאַר'ן צונג.

– די ערשטע דרײַ? – האָט װילענטשיק געשטאַמעלט – עס איז אַ סך צו דערצעהלען.

און שטיל אָבזיפצענדיג, האָט ער זיך צוגערוקט אַ ביסעל נעהנטער, און דאָך דערצעהלט.

ער האָט קײַן מזל ניט צו שידוכים. דוכט זיך, ניט קײַן פּראָסטער בּחור, האָט אַנ'אַפּטײק־קראָם, אַנ'אײגענע הויז, און האָט קײַן מזל ניט צו מײדלעך. זײ האָבען ליעב פּראַנטען, װאָס קענען דרעהען די װאָנצען... שידוכים האָט מען איהם גערעדט אָהן אַ שיעור, עס איז איהם פּשוט מיאוס געװאָרען זעהען זיך מיט כּלות, און װי עס פלעגט קומען צו עפּעס, – פלעגט זיך אויסלאָזען גאָר־ניט מיט גאָרניט. דערנאָך איז ער, גאָט צו דאַנקען, געװאָרען אַ

חתן, מיט אנ׳אלמנה נאך גאר א יונגע און א קראסאוויצע, האט מען איהר אנגערעדט, אז ער איז א קראנקער... דעם צווייטען מאל האט ער געטהון א שידוך טאקי פון קאנאטאפ גופא. — מייטשיק דארף דאן קאנען פייגעלע די היט=פוצערין — האט זי זיך מיישב געווען: ניט אנדערש — אויף איהר נאמען זאל ער אבשרייבען די שטוב מיט דער קראם! איז איהם די מעשה ניט געפעלען — וואס הייסט? זי איז ביי איהם די אנדערע ווייב, זי זאל זיך דארפען פערזארגען? זאגט ער: „ניין"! זאגט זי: „אויב אזוי, איז אוים שידוך"... דעם דריטען מאל איז ער א חתן געווארען פון דער ליטא. א מעדעל ניט גאר קיין יונגע, אבער ניט קיין מיאוסע, און אנ׳אינטעלעגענטע, מיט אביסעל געלד — אליין אנגעקליבען פון לעהרעריי — נעהמט זי אכט טאג פאר דער חתונה און שיקט אב די תנאים! פאר וואס? פאר ווען? — וויים ער ביז הייגטיגען טאג ניט. „כ׳איז פאר אונז ביידען גלייכער אזוי", — האט זי געשריבען. און מעהר קיין אייןווארט ניט. אז ער האט דאמאלס איבערגעלעבט די בזיונות, איז ער שטארקער פון אייזען. מייטשיק וויים דאך די קאנאטאפער מיילער... און דוכט זיך, וואס? א בחור ניט ערגער פון אנדערע, אנ׳אפטייק=קראם, אנ׳אייגען הויז...

— זעה, די פירטע זאל אויך ניט מאכען דעם זעלביגען קונץ, וואס די ערשטע דריי — האט מייטשיק לייכטזיניג איבערגעריסען זיין פריינד׳ס קלאגען זיך.

— וואס הייסט?... וואס הייסט?... — האט ווילענטשיק צוטומעלט געשטאמעלט, — וואס עפים וועט זי דאס טהון?... א חודש צו דער חתונה... גדן — מן=הסתם, נאר צוגעזאגט... אנ׳ארעמע מעדעל... וואס האט זי צו בראקירען?... א גליק=שידוך פאר איהר... אנ׳אפטייק=קראם, א אייגענע הויז...

ז. חענדראָף.

— זעה נאַר, ער האָט זיך שוין דערשראָקען! — האָט מײטשיק געלאַכט, — אײ דו שלימזל׳דיגער האָז! ס׳מוז זײן ניט קײן בראַקאָװנע מעדעל, װאָס דו ציטערסט אַזױ, האַ! זעה אָקאָרשט, איך זאָל זי בײ דיר ניט אויסחאַפּען.

— פאַר דיר האָב איך קײן מורא ניט, חע, חע! מיר זענען דאָך עפּעס אַלטע גוטע ברידער, האַ, סאַשאַ? — האָט װילענטשיק חניפה׳דיג אונטערגעלאַכט מיט אַ הײזעריגען געלעכטערעל.

— האַנדעלשאַפט איז ניט ברודערשאַפט. אויף אַ רעכטער מעדעל איז יעדערער אַ בעלן, — האָט מײטשיק אָנגעשטעלט אַנערענסט פּנים.

— אײ, דו ליץ, דו אײנער! אָהן אַ שוטאָטשקע געהט בײ איהם ניט, — האָט װילענטשיק קרום און געמאַטערט געשמײכעלט

אין האַרצען האָט איהם אונטערגעטיאָכקעט פון מײטשיק׳ס חכמה׳לעך. ער האָט ניט אַזױ מורא געהאַט, אַז מײטשיק װעט בײ איהם אָבנעהמען די כלה, װי ער האָט זיך עפּעס געפיהלט קלײן און געפאַלען נעגען דעם לעבעדיגען און ריהרעװדיגען מײטשיק, װאָס האָט אַ פײערדיגען צונג, און קען יעדערען מאַכען צו גאָר ניט.

און װעלענדיג אונטערקױפען מײטשיק׳ן און זיך אַלײן בערוהיגען, האָט ער מיט די װאַרעמקײט פון אַ שװאַכערען צו אַ שטאַרקערען אַ זאָג געטהון:

— הערסט דו, סאַשאַ, איך בין אַזױ צופריעדען, װאָס מיר האָבען זיך געטראָפען — איך קען דיר גאָרניט אַרױסגעבען! װען איך בעגעגען איצט אַ לײבליכען ברודער, װאָלט איך זיך אַזױ ניט געפרעהט, װי מיט דיר, טשעסטנאָיע סלאָװאָ!...

— ביזט אַלע מאָל געװען אַ בראַט פון די ברעטער — האָט איהם מײטשיק אַ קלאַפּ געטהון איבער׳ן קניע, מיט די

אכניבינקייט פון א מענשען, וואס פיהלט זיך העכער פון צווייטען.
ווילענטשיק האט צופריעדען־נארישעוואטע געשמייכעלט.

II.

פון דער ערשטער מינוט אן, וואס ווילענטשיק מיט מייטשיק'ן זענען אריבערגעטראטען דער כלה'ס שוועל, האט דער חתן גלייך איינגעזעהען, אז ער האט געטהאן א גרויסע נארישקייט, וואס ער האט געבראכט זיין גוטען ברודער צו דער כלה.

מייטשיק—א פרישער, אנ'אויסגעוואשענער, מיט באקען, נאר וואס פון אונטער'ן גאל־מעסער, אנ'אויסגעצוואגענער, מיט דעם גלייכען שרונט פון דער רעכטע זייט קאפ, מיט שווארצע און שטייפע וואנצען, פון אונטער וועלכע ער האט אלע וויילע געבליצט מיט די ווייסע און געזונטע צייהן, איז געקומען אנגעטהון אין דעם פיינעם גרויסשטאדטיגען אנצוג, וואס איז אויף איהם געזעסען פונקט ער וואלט אויסגעוואקסען אין איהם, און האט זיך פון דער ערשטער מינוט אן געפיהלט אין דער פרעמדער הויז, ווי ביי זיך אין דער היים, אדער אזוי ווי ער וואלט דא נעקומען צו זיין אייגענער כלה.

ווילענטשיק – א הויכער, א דארער, מיט א קרומליכען רוקען און איינגעפאלענע ברוסט, מיט לאנגע פיס און מיט דארע פינגער אויף די קאלטע און פייכטליכע הענד, מיט א לאנגען פנים, בעצויגען מיט א טרוקענער, געלבליכער און גלאנציגער הויט – א סימן, אז ער איז ניט שוה בשוה מיט זיין מאגען – מיט שיטערע פלאקסענע האר גרויליך ביי די איינגעפאלענע שלייפען און שטארק דורכזיכטיג אויפ'ן שפיץ קאפ, מיט אבגעביסענע וואנצען, וואס האבען

ז. וועַנדראָף.

נעַהאַט דעם קאָליער פון שטרוי, אָבגעַבליאַקירט פון דער זון, – איז געַוועַן פעַרצויגען איז אַנ'ענגער וויזיטקע, וואָס איז אין קאָנאָטאָפּ אַריין אין דער מאָדע, פונקט, דאַמאָלס, ווען די גאַנצע וועלט האָט אָן איהר פעַרגעַסען; אין אַ פּליושען וועסטעל מיט פערלאַמוטערדיגע קנעפּ און מיט טאַשמעס אַרום די קעשענעס. דער הויכער קראַגען, וואָס האָט איהם דערגרייכט ביז די אויערן איז געַוועַן אַרומגענומען מיט אַ רויטען האַלז-טיכעל, און פון די קורצע אַרבעל פון דער וויזיטקע, זענען אַלע ווייַלע אַרויסגעקראָכען אַ פּאָר קאָליערטע גומענע מאַנזשעטען... אין גאַנצען האָט ער געַהאַט אַ פּנים פון אַ אַלטען בחור, וואָס איז געקומען פרעהען זיך אויף אַ פרעמדער שמחה, מאַטערט זיך פרעהליך זיין, און קען ניט.

אַ סך פון די געסט, וואָס זענען געקומען צו דער כלה, האָבען טאַקי געמיינט, אַז מייטשיק איז דער חתן, און ווערענדיג אָנטהון דער כלה אַ נחת רוח, האָבען זיי איהר שטיל, – אָבער אַזוי, אַז די אַרומיגע זאָלען הערען, – איינגערוימט:

– אוי, פייגעלע, וואָס פאַר אַ קראַסאַוועץ אַ חתן דו האָסט – אַ ברכה צו מאַכען אויף איהם! גאָט זאָל נאָר געבען, ס'זאָל זיין מיט גליק...

. די כלה פלעגט רויט ווערען און פעררירכטען דעם טעות:

דאָס איז ניט מיין חתן.... יענער איז מיין חתן.... דער בלאָנדין... אַ דאַנק אייך פאַר אייערע ווינשעוואַניעס...

ווילענטשיק האָט עטליכע מאָל געחאַפּט די ווערטער, און האָט זיך געביסען די קורצע נעגעל פון חרפּה.

נאָר דאָס איז אַלץ געַוועַן גאָרניט געגען די צרות, וואָס מייטשיק האָט איהם אָנגעמאַכט מיט זיין צונג.

דעם ערסטען אַרויספאָהר האָט מייטשיק געמאַכט באַלד, ווי זיי זענען געקומען.

— דאָס איז מײַן „טאָוואַרישץ דיעטסטווא", אַלעקסאַנדר מײַ־טשיק, איך האָב דיר פון איהם דערצעהלט-האָט ווילענטשיק פאָר־געשטעלט זײַן גוטען ברודער פאַר זײַן כלה.

— קאַק־זשע, קאַק־זשע! פּאַטשטי אויף זײַנע הענד אויסגעהאַ־דעוועט זיך... -האָט מײַטשיק אויף זײַן אײגענעם שטײַנער פער־טײַטשט די נאָהנטקײט זײַערע,-ווען איך בין נאָך געקראָכען אויף אַלע פיער, אָט אַזאַ קאַראַפּוזיק געווען-האָט ער אָנגעוויזען אַ האַלב אַרשין פון דער פּאָדלאָגע,-איז שוין אײַער חתן געווען אַבחור מיט וואָנצען..

ווילענטשיק האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג.

שפּעטער, זיצענדיג בײַ'ם טיש, האָט זיך אײנעם פון די געסט פערגלוסט צו וויסען וואָס טהוט מײַטשיק דערציו, עס זאָלען בײַ איהם וואַקסען אַזעלכע געדיכטע און ווײַכע האָר.

— פרעגט דעם חתן-האָט מײַטשיק אָנגעוויזען אויף ווילענ־טשיק'ן-ער איז דאָך אַ האַלבער אַפּטײקער, דאַרף ער בעסער וויסען.

בײַ ווילענטשיק האָט אַ שוויים אַרויסגעשלאָגען אויפן פּליכעל בײַ די דאָזיגע ווערטער; און אַלע אַרום טיש האָבען גלײַך אַראָפּ־געלאָזען די אויגען צו די טעלער, פונקט קײן זאַך אין דער וועלט וואָלט זײַ אַזוי ניט אינטערעסירט ווי די געהאַקטע הערינג.

נאָכ'ן עסען האָט מען גענומען שפּילען אין פאַנדען. מײַטשיק איז, פערשטעהט זיך, געווען דער „סודיא" און האָט יעדערן אַרויסגע־געבען פאַנדען, פון וועלכע מען האָט זיך געהאַלטען בײַ די זײַ־טען לאַכענדיג.

ווען עס איז געקומען אַרויסצוגעבן ווילענטשיק'ן אַ פאַנד, האָט מײַטשיק אָנגעשטעלט אַ ערנסטען פּנים און זיך פערטראַכט.

— װאָס פאַר אַפּאַנד גיט מען אַ רױם דעם חתן, האַ? עפּעס אַזאַ, װאָס זאָל זיך פּאַסטען פאַר אַן׳עלטערן מענשען?... שאַ, גאָספּאָדאַ, איך האָב שױן! שטעל זיך, חתן לעב, אין מיטען שטוב אױף אַ שטוהל, און זינג דאָס לידעל: „אױ, מאַמע, מאַך מיר חתונה״.

דער עולם האָט אױסגעשאָסען אַ הילכיגען געלעכטער. װילענטשיק איז געװאָרען רױט און טױדט און געמאַטערט זיך מיטלאַכען:

— אײ דו שוט! װאָס ער קען אױסטראַכטען, חאַ, חאַ!...

— נו, ריהר זיך, פּעטער—האָט מײַטשיק אונטערגעטריבען.

װילענטשיק האָט נאַריש געשמײכעלט און ניט גערירט זיך פון אָרט.

— ער איז פון קינדװײז אָן געװען אַ מורא׳דיגער עקשן, דער חתן אײַערער,—האָט זיך מײַטשיק האַלב־ערנסט, האַלב אין שפּאַס אַ קעהר געטהון צו דער כּלה,—זאָגט איהר איהם, אפשר װעט ער אײַך פאָלגען.

די כּלה, װאָס איז פון אָנהױב אָן מעהר פערליבט געװען אין איהר חתן׳ס אַפּטײק־קראַם, װי אין איהם אַלײן, און װעלכע האָט הײנט אין אָװענד ערשט געזעהען, װאָס פאַר אַפּנים ער האָט געגען „אַ רעכטען בחור״, האָט זיך האַלב־ברוגז אַ קעהר געטהון צו װילענטשיק׳ן, און אונגעדולדיג געזאָגט:

— נו, װיקטאָר, אַ סוף! טהו שױן, װאָס מען זאָגט דיר, און פערהאַלט ניט די שפּיעל.

אָבער אײדער װילענטשיק האָט נאָך צײַט געהאַט צו פאָל־גען די כּלה, האָט שױן מײַטשיק װידער אַרײַנגעװאָרפען:

— ס׳װעט אײַך גאָר ניט העלפען, פרײַלאַן בובליק, אַז ער

שפּאַרט זיך איין, איז פער־פּאַלען...

די כּלה האָט פערקרימט איהר פּנים, וואָס איז געווען נעפּאַרבט אינגער פון איהרע אמת'ע יאָהרען, און האָט אַ ציה געטהון מיט די דאַרע אַקסלען, וואָס עס האָט געדאַרפט הייסען, אַז זי איז ברוגז אויף טוידט. ווילענטשיק האָט זיך פּאַוואָלינקע אויפגעהויבען פון אָרט, ניט ווילענדיג אַרויפגעקראָכען אויף אַ שטוהל און מיט אַ הייזעריגער, דינער שטימעלע גענומען זינגען:

„אוי, מאַ־מע, מאַך מיר חתונה!
אוי, מאַ־מע, ס'איז שוין ציי־אַיט!
אוי, מאַ־מע, מאַך מיר חתונה –
אַ גלעכטער אָן אַ ציי־אַיט...

דערביי האָט ער אויסגעזעהען אַזוי רחמנות'דיג־נאַריש, אַז אַלע געסט, וואָס האָבען די גאַנצע צייט פון ווילענטשיק'ס איינשפּאַ־רען זיך, אויך ניט געקוקט דער כּלה גלייך אין די אויגען,— האָבען זיך איצט, מיט אַ מאָל, אַלע פעראינטערעסירט מיט די נעזולעך פון זייערע שיך, אַקוראַט זיי וואָלטען זיך נאָר־וואָס מיט זיי בעקאַנט.

איין אַכטצעהן־יאָהריגע מעדעל נאָר, האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען, און פערשטיקענדיג דאָס מויל מיט ביידע הענד, האָט זי אַ קוויטשע געטהון:

– חי!...

און אָבגעהאַקט זיך.

נאָך דעם, האָט זיך שוין די שפּיעל ניט געקלעפּט. די פרעהליכקייט איז פערפאַלען געוואָרען, און דער עולם האָט אָנגעהויבען שמועסען פון געהן אַהיים.

די כּלה איז געזעסען אַנ'אָנגעבלאָזענע און אַ זויערע. איין

מײַטשיק נאָר האָט זיך נעפּיהלט, ווי אַ פּיש אין וואַסער. גערדרעהט זיך אַרום די מערלעך, געוועָרטעלט זיך און אַזוי לאַנג געשאָטען אויף דער כּלה מיט קאָמפּלימענטען, ביז זי האָט זיך אינגאַנצען פערגעסען אָן חתן, און אויף איהרע געפּאַרבטע ליפּען, האָט זיך צוריק בעוויזען אַ שמייכעל.

ווילענטשיק האָט זיך גערדרעהט איבערין שטוב אַן'איבריגער, אַן'אויפגערעגטער, מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּען, בלוי פון אינוועניגסטען איינגעהאַלטענעם כּעס, כּסדר נעצופּט די שטרויענע וואָנצען און געביסען די נעגעל ביז בלוט.

— וואָס ביזט דו אַזוי אָנגעדרודעלט? — האָט איהם מײַטשיק אַ פרעג געטהון פון צווייטען עק צימער.

און ווענדענדיג זיך צו דער כּלה, האָט ער צוגעגעבען:

— ער איז שטענדיג געווען אַ פערביסענער יונג, דער חתן אײַערער... כ'פלעג מיט איהם שטענדיג אײַנטענה'ן: „ק'טשעמו קאָכען זיך? ק'טשעמו אָגאָרטשאַיען זיך פון יעדער פוסטיאַק?“ — אָבער ער האָט אויף מײַנע רייד ניט אָבראַשטשאַיעט וניטאַניע... און וואָס מיינט איהר? דעריבער האָט ער טאַקי אַזאַ פּנים... צו פערציג יאָהר שוין אָהן געזונד, אָהן האָר, אָהן צייהן...

הער שוין אויף צו פּראַווען דײַנע שוטקעס, דו שוט נאַראָחאָווא, ליץ דו אײנער! — האָט ווילענטשיק קאָכענדיג אינוועניג, ווי אַ קעסעל, געוואָלט מאַכען דאָס צו שפּאַס.

אַלץ איז בײַ איהם מיט היץ, — האָט זיך מײַטשיק געמאַכט ניט וויסענדיג — מערלעך אוחאַזשעווען, צי גלאַט אַ לעב טהון — אַלץ מיט אַ היץ... אַיי איז דאָס אַ מאָל געווען אַ פײַערדיגער יונג, אָט דער זעלביגער וויקטאָר אײַערער, ווי איהר קוקט איהם איצט אָן דעם פערשלאָפענעם נעבעכעל!...

ווילענטשיק האָט געפיהלט, אַז ער האַלט דאָס ניט אויס. ער האָט געזעהען, אַז אויב ער וועט זיין „גוטען ברודער" גלייך ניט צונעהמען פון דאנען, וועט זיך פון דעם שידוך אויסלאָזען דאָס זעלביגע, וואָס פון די ערשטע דריי; און דאַמאָלס וועט ער זיך דאַרפען אַ מעשה אָנטהון פון חרפה.

און ציטערנדיג, מייטשיק זאָל ווייטער עפּיס ניט אַ בראָק טהון, האָט ער רייבענדיג די הענד איינע אָן די אַנדערע אַ זאָג געטהון.

– נו, סאַשאַ, איך רעכען, ס'איז שוין צייט, מיר זאָלען לאָזען פאַניאַ'ן אָברוהען...

– קאָניעטשנאָ, קאָניעטשנאָ! אַך פאַרדאָן, פאַרדאָן פריילין! איהר האָט זיך געוויס אָנגעשטרענגט פאַר אַזאַ אָווענד. ק'טאָמו-די פריאַטניע וואָלניעניע, וואָס דער חתן איז געקומען. חע, חע!... האָט מייטשיק זיך פערנייגט פאַר דער כלה און געשמייכעלט.

– אַך, טשטאָ ווי, טשטאָ ווי! ניטשוט ניע ביוואַלאָ... גאָר ניט אָנגעשטרענגט... אַך, וואָס דו קענסט אויסקלערען! – האָט זיך אונצופריעדען אַ קעהר געטהון צום חתן – זיצט מסיו מייטשיק, אייער אָבשצעסטוואָ איז מיר זעהר פריאַטנע... – האָט זי זיך געחנ'דעלט.

אָבער מייטשיק האָט זיך ניט געלאָזט איבעררעדען.

– ניעט, ניעט, ס'איז שוין צייט פאַר אייך אָבצורוהען. אַדיע, אַדיע, פריילין; ס'איז מיר זעהר אַנגענעהם געווען צו פאָזנאַקאָמען זיך מיט אייך... איך האָב פערבראַכט אַ טשודנעם אָווענד. אויב איהר וועט מיר פאָזוואָליען, וועל איך אייך נאָך בעזוכען...

– אַך, ס'אודאָוואָלסטוויעם! ס'וועט מיר זיין זעהר און

זעהר פריאַטנע... אַדיע, מסיו מייטשיק.

– איך וועל דיר אַ ביסעל בעגלייטען – האָט ווילענטשיק פאָרגעשלאָגען.

– ווערסט זיך ניט פערקיהלען? ביזט דאָך אַ שוואַכער מענש – האָט מייטשיק מיט אַ מאָל אָנגעהויבען זאָרגען פאַר זיין פריינד'ס געזונד.

– רעד ניט קיין נאַרישקייטען, קום! – האָט איהם ווילענטשיק אוננעדולדיג געשלעפּט פאַר'ן אַרבעל.

III.

אַרויסגעהענדיג פון שטוב האָט מייטשיק גענומען ווילענטשיק'ן אונטער'ן האַנד און אָנגעהויבען אויספייפען אַ פרעהליכען מאַרשעל, שטעלענדיג די פיס צום טאַקט פונ'ם מאַרש.

ווילענטשיק איז געגאַנגען ביי זיין זייט און געשוויגען; טיעף איינאָטהעמענדיג די קאַלטע נאַכט-לופט האָט ער זיך געמאַטערט איינצושטילען די האַסטיגע האַרץ-קלאַפּעניש.

– וואָס האָסט דו צו מיר? וואָס האָב איך דיר געטהון? – האָט ער האַלב-וויינענדיג אין מיטען איבערגעריסען מייטשיק'ס פייפען.

מייטשיק האָט זיך אָבגעשטעלט, און פרעגענדיג אָנגעקוקט איהם.

– וואָס האָסט דו זיך אין מיר אָנגעטהון? וואָס גראַבסט דו מיר פאַר מיין כלה? – האָט ווילענטשיק קלאָרער גערעדט.

מייטשיק האָט זיך ברייט צולאַכט:

– חאַ, חאַ, חאַ! קוקט איהם נאָר אָן! מען טאָר שוין גאָר קיין שפּאַס ניט מאַכען.

– אַ שענער שפּאַס! יענער מאַכט מיך אויסצודרעהען. אַ גאַנצען אָווענד כמעט ניט צוגעלאָזען מיר צו דער כלה – אַ שפּאַס ביי איהם! – האָט ווילענטשיק כמעט געוויינט.

– עהע, ער איז דאָך איפּערזיכטיג אויך! וואָס דען האָסט דו געוואָלט, איך זאָל זיצען פון ווייטען און שלינגען די שפּייעכץ? איך בין נאָך דערווייל, גאָט צו דאַנקען, קיין פּרוש ניט,

– דו מאַכסט דאָך מיר אָבער אומגליקליך – האָט זיך ווילענטשיק געבעטען.

– איז וואָס=זשע ווילסט דו זאָל איך טהון אין אַזאַ העק? מען קאָן דאָך פערשימעלט ווערען, מען זאָל ניט האָבען אַ פרעמ=דע כלה צו אונהאַזשעווען.

– אָבער וואָס וועט דיר דערפון אַרויסקומען, וואָס דו בעגראָבסט מיך? – איז ווילענטשיק פערצווייפעלט געוואָרען.

– מען ווייס, וואָס עס קען אַרויסקומען? אַ מאָל קומט אַרויס פון אַזאַ זאַך אַ שידוך – איז מייטשיק געבליבען קאַלט.

– אָבער דו פאָהרסט דאָך ערגיץ ווייטער – פאָהר געזונ=דערהייד! – האָט ווילענטשיק געוואונשען.

– עהע, ווען איך האָב מיט וואָס ווייטער צו פאָהרען, וואָלט איך דאָ אין דער לאָך ניט געבליעבען שטעקען – האָט מייטשיק אָבגעזיפצט.

– און דו וועסט נאָך דאָ לאַנג פערבלייבען? – האָט מייט=שיק ציטערנדיג געפרעגט.

– ביז כ׳וועל קריגען געלד, איך דאַרף קריגען געלד פון אַ פריינד.

ז. וועגדראף.

ווילענטשיק האט זיך א ווײַלע פערטראכט.

– ווייסט דו וואס? – האט ער אנגענומען מייטשיק'ן ביי'ם קנעפעל, – איך גיב דיר אויף רייזע־קאסטען, און פאהר גלייך אוועק. וואוהין דארפסט דו פאהרען?

– קיין אדעס.

– גוט, דו האסט נאך היינט נאך האלבע נאכט א צוג, קום, נעהם די זאכען און לאמיר גלייך פאהרען אויפ'ן וואקזאל.

מייטשיק האט געשמייכעלט אין די וואנצען.

– איך פאהר צווייטע קלאס – מאכט מייטשיק געלאסען – הא, און אפשר זאל איך היינט פאהרען ערשטע... ווען וועל איך נאך האבען אזא געלעגענהייט?

– ביזט משוגע, צי חסר־דעה?! – האט זיך ווילענטשיק ווידער אבגעשטעלט אין מיטען גאנג.

– און א פופציגער מזומן, איבערצוקערעווען זיך די ערשטע פאר טעג אין אדעס – האט מייטשיק קאלט־בלוטיג ווייטער געשטעלט זיינע תנאים, – אדעס, פערשטעהסט דו מיך, איז ניט קאנאטאפ, אין אדעס דארף אזא דזשענטעלמאן, ווי איך, א סאך קליין־געלד.

ווילענטשיק האט אויף איהם אנגעשטעלט א פאר ווילדע אויגען.

– דאס איז סאשא, צי א גזלן פון וואלד?

– סאשא מייטשיק פון קאנאטאפ, איבערגעמאכט אויף אדעסער שטייגער – האט איהם מיימשיק פערזיכערט, – וואס איז, די כלה דיינע איז ביי דיר ניט ווערט די עטליכע רובל, וואס א גוטער ברודער וועט דיר קאסטען?

– וואס, א גוטער ברודער? א גוטער מערדער, אנ'אפעריסט

אַט וואָס דו ביזט! – האָט זיך ווילענטשיק געקאָכט.

– זײַ נישט קײן נאַחאַל, וואָרום עס וועט דיר קאָסטען נאָך אַ פּופּציגער – האָט איהם מײַטשיק געוואָרענט.

– אַ סוף, זאָל מיר דוכטען, גזלנים זענען מיך בעפאַלען. – האָט זיך ווילענטשיק געטרייסט.

– זאָל דוכטען! – האָט מײַטשיק מסכים געווען.

מײַטשיק איז געשטאַנען אין פענסטער פון וואַגאָן ערשטער קלאַס און געמיטליך געראויכערט אַ סיגאַר.

ווילענטשיק, אַ בלאַסער מיט אויפגעפּרעסטע ליפּען, איז געשטאַנען אויפ׳ן פּלאַט־פאָרמע און געוואַרט ביז דער צוג וועט אַוועקגעהן, ער זאָל מיט זײַנע אייגענע אויגען זעהען, אז ער איז פּטור געוואָרען פון זײַן „גוטען ברודער“.

– הער נאָר, וויקטאָר, קענסט מיר ניט צובײַטען די פּופּציגער אויף קלענערע? – האָט מײַטשיק רוהיג געפרעגט...

ווילענטשיק האָט זיך אָבגעקעהרט אָן אַ זײַט און פערקריצט מיט די צייהן.

ווען דער צוג האָט זיך לאַנגזאַם געריהרט פון אָרט, האָט מײַטשיק אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פון פענסטער און אויסגעשריען:

– דו מיינסט, כ׳וואָלט דיר פאַר אַ פּופּציגער אָבגעטראָטען דײַן כלה? ניט מעהר, מיר זענען אַלטע גוטע ברידער, און... אגב, האָב איך שוין אַ ווײַב אויך...

מאָטעל.

(סקיצע)

יעדען פריהמאָרגען, ווען דער גראָהער מאָרגען־ליכט הויבט ערשט אָן צו ראַנגלען זיך מיט דער פערגאַנגענער נאַכט, הערט דער עלף־יאָהריגער מאָטעל פון דער באָבע'ן איין־און דיזעלבע ווערטער.

– מאָטעל, דו שטעהסט אויף, מאָטעל!

און ער ענטפערט אידר אויך שטענדיג אויף דעם זעלבען שטייגער:

– אָט באַלד, אָט באַלד, נאָך איין ווײַלינקע...

– דו וועכסט פערשפעטיגען אין חדר, דו הערסט, מאָטעל?

– איך הער, איך הער... נאָך איין מינוט...– ענטפערט מאָטעל פערשלאָפען.

און מאָדנע זיס און טהײַער איז דער שלאָף אין דער דאָזיגער מאָרגען־שטונדע! עס ווילט זיך גאָר דעם קאָפּ ניט אויפהויבען.

גראָבט זיך מאָטעל אײַן טיעפער אין קישעלע, שלעפט

אויף זיך דעם טאַטען'ס אַלטען װאַטאָװען בגד, װאָס דינט איהם אָנשטאָט אַ קאָלדרע, און דרעמעלט װײַטער.

װאונדערט זיך די באָבע: װי שלאָפט מען דאָס אַזױ פיעל? מ'שטײנס געזאָגט, דער געלעגער זײַנער! ליעגט אויפ'ן פּאָדלאָגע׳ פון טהיר ציהט אַ קעלט, פון די פענסטער בלאָזט... דער אַלטער בגד װאַרימט ניט... זאַלבעדריט זאָלען געזונד זײַן, אונטער דעם איין בגד, יעדערער ציהט איהם צו זיך... נור גאָרניט, אַ יונג קינד, אַהרט עס איהם ניט: דרעהט זיך צונויף, װי אַ בײגעל, דריקט צו די דאַרע קניע צום פּוסטען בײַכעל, נעהמט זיך אַלײן אַרום מיט די הענד און שלאָפט. ער װאָלט אויפשטעהן, אַרומלױ־ פען, װאָלט איהם דאָך אַ סך װאַרימער געװען.

דער יונגער שלאָף, איז, אַפּנים, אַ זיסער שלאָף,
אָך, אָך, אָך!...

עס הויבט שוין אָן רעכט צו טאָגען. מאָטעל רוקט אַרויס דעם קאָפּ פון אונטער'ן בגד, װאַרפט אַ ניט זיכערען בליק אויף די צװײ קלײנע פענסטערלאַך, און ס'װערט איהם קאַלט אין אַלע אברים. נאָך די אײַזקװײטען אויף די פענסטער, פערשטעהט ער װאָס פאַר אַ ברענענדיגער פראָסט ס'איז דרויסען. און דער װעג אין חדר אַרײַן איז אַזאַ לאַנגער, מען קען פערפרוירען װערען, געהענדיג אַהין. װי אַ גרויסע, בײזע חיה געהט דער פראָסט נאָך קלײנע אינגלעך, װי נור זײ בעװײַזען זיך אויפ'ן גאַס, אַ האַנד, אַ פוס, קען מען געװים אָבפרוירען אין אַזאַ פראָסט.

און מאָטעל שלעפט אין גאַנצען אַרויף דעם אַלטען בגד אויפ'ן קאָפּ; בלײַבען אָבער די דאַרע פיסלעך פון צװײטען זײַט נאַקעט. קאָרטשעט ער זיך צונויף, מאַכט צו די אויגען און זעהט אַזעלכע שענע זאַכען: אָט פאַשעט ער שאָף אויפ'ן הר־הכרמל,

אָט איז ער נאָר אין דער הייסער לאַנד מצרים, די זון ברענט און בראָט, שפּרינגט ער אַריין אין נהר פּרת און נהר חידקל... לויפט אַרויס און קייקעלט זיך אין הייסען זאַמד אין דער מדבר... שפּרינגט אַריין אין ים-סוף און לאָזט זיך שווימען אונטערען וואַסער... אַ וואַל-פיש וויל איהם איינשלינגען, ווי יונה הנביא... ער כאַפּט דעם וואַרף-שטיין און טרעפט איהם אין שטערן... אליהו הנביא האָט איהם אונטערגעכאַפּט און זיי פליהען אין הימעל אַריין, צווישען כרובים און מלאכי אש... ער לאָזט זיך אַראָב אין אַ וואַרימע שטוב, זעצט זיך ביי אַ הייסען אויווען און עסט אַ הייסע וועטשערע... ביינאַכט שלאָפט ער אין אַ בעט, אויף אַ פּוכאָווע פּערענע, צוגעדעקט מיט דריי וואַטאָווע קאָלדרעס... האָט אַ מעסערעל מיט דריי קלינג...

– מאָטעל, דו הויבסט זיך אויף צי ניט? ס'איז שוין האַלבער טאָג דרויסען – שלאָגט די באָבע איבער זיינע פאַנטאַזיעס.

– אָט באַלד טהו איך זיך אָן...

פון צווייטען זייט פאַראַוואַן הערט זיך דעם טאַטענ'ס יאַמערשלעווער קול, דורך דעם פריהמאָרגענדיגען הוסט:

– מאָטעל, מאָטעלע, וואָס קלעהרסט דו זיך, הא?

מיט איין דריגע מיט'ן פוס וואַרפט פון זיך מאָטעל אַראָב דעם בגד, און נעהמט זיך אָנטהון מיט דער מינע פון אַ מענשען, וואָס ווייס, אַז פריהער אָדער שפּעטער, וועט ער מוזען לאָזען אַרויסרייסען זיך דעם וועהטאָג'דיגען צאָהן, טו זאָל שוין זיין אַראָבגעפּטר'ט...

ער שפּרינגט אַריין אין די קורץ-נעוואָרענע הייזלעך, קריכט אַריין מיט צרות אין דער ענגער קאַפּאָטקע, און צולויפענדיג צו דאָס האַלב-פערפרוירענע וואַסער, מאַכט ער אַ דערשראָקענע

מינע, און וואַשט מיט איין האַנד נאָז און באַקען, לאָזענדיג אַרום פּנים אַ שוואַרצע ראַם פון לאַנג ניט־געוואַשענע בלאָטע... ס׳וועט וואַרם ווערען, וועט ער זיך שוין אײַנוואַשען, ווי עס געהערט צו זײַן.

אײַלענדיג דאַווענט מאָטעל אָב, כאַפּט אויף גיך איבער אַ שטיקעל שוואַרץ ברויט מיט אַ גלעזעל הײַסע וואַסער, שוואַך פערגעלבט מיט אַ ביסעל נעכטיגע טהעע, און לאָזט זיך לויפען אין חדר.

אויפ׳ן גאַס ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער פראָסט איז גאָר ניט אַזוי שרעקליך ווי עס האָט זיך אויסגעדוכט אין שטוב זיצענדיג. מען זאָל נאָר זײַן וואַרים אָנגעטהון, וואָלט מען גאָרניט געפיהלט די קעלט... שלעכט נור, וואָס די שטיוועלעך זענען אָפען אין די „נעזלעך". דער פראָסט קלײַבט זיך אַהין אַרײַן, און שטעכט אין די פינגער, ווי מיט נאָדלען. ער נעהמט געהן גיכער, אונטער־לויפען, אָבער דער פראָסט לויפט איהם נאָך און כאַפּט איהם פאַר די שפּיטץ פינגער...

ווען מאָטעל קומט אין חדר, דערוויסט ער שוין דאָרטען כמעט אַלע אינגלעך, ווערט ער אין כעס אויף זיך אַליין, פאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי פערשלאָפען. ער האָט פײַנד צו קומען שפּעט. איהם דוכט זיך, אַז אַלע קוקען אויף זײַן קאַפּאָטקע מיט די קורצע אַרבעל, אויף די פערלאַטעטע מײַטקעלעך און צוריסענע שטיוועלעך, און רופען איהם אין האַרצען: „שלעפּער".

דער רבי זיצט איבער אַ לײַמענע שיסעל, וואָס די פאַרע פון איהר שלאָגט ביז דער סטעליע, און בראָקט אַלטע בײַגעל אין הײַסען קרופּניק. קומט אַרײַן איזנגעל, העלפט איהם די רביצין אויסטהון זיך, ציהט פון איהם אַראָב דעם אויבער־בגד׳ל,

בינדט פונאַנדער דעם שאַל, טהוט איהם אוים די קאַלאָשען.

ווען מאָטעל קומט אַריין, וואַרפט זי אויף איהם אַ בעזען בליק, און קעהרט זיך אָב אָן אַ זייט: זיצט אַ יונגעל אין חדר, און פאַר אַ גאַנץ זמן, זאָלט איהר זאָגען חאָטש איין רובעל רבי־געלד!...

און ווען מאָטעל שלעפט פון זיך אַראָב זיין בגד'ל און לעגט עס אַוועק אויפ'ן בענקעל, נעהמט זי עם אָן מיט צוויי פינגער, אַזוי ווי זי וואָלט אָנגענומען אַ שרץ, און הענגט עס אויף אויפ'ן וואַנד, אַביסעל אָבגעזונדערט פון די איבעריגע מלבושים.

אין חדר איז קאַלטליך. יונגלעך מיט בלויע פּנים'ער זיצען איבער די חמשים, שנאָרכען מיט די נעזלעך, גלייך זיי וואָלטען געוואָלט איינער דעם צווייטען אַריינשלעפען אין די נאָזלעכער, און ציהען אַלע מיט איין ניגון פסוק נאָך פסוק.

דער רבי דרעהט זיך אַרום איבער'ן שטוב, נעהמט אַראָב מיט אַ בעזים די שפּינוועבס פון די ווינקלען אונטער דער סטעליע און מיט'ן פעררויסענעם באָרד אין דער הויך, טרייבט ער אונטער מיט אַ פערדומפּטען קול; „חזר'ט, „חזר'ט"!...

דער איינאַרטיגער, מאָנאָטאָנער ניגון יאָגט אָן אויף מאָטלען אַ שלאָף, די אויגען שליסען זיך ניט ווילענדיג, און ער הויבט אָן „פאַלען אויפ'ן נאָז".

דערזעהן איהם דרעמלענדיג, גנב'עט זיך דער רבי אונטער שטילערהייד. און דערלאַנגט איהם מיט זיינע האַרטע נעגעל אַ שנעל אין נאָז: שלאָף ניט, שגץ!.

מאָטעל שפּרינגט אויף, ווי אַנ'אָבגעבריהטער, קוקט מיט צושראָקענע און פערשלאָפענע אויגען אַרום זיך, און קען פון וועהטאָג אַ וואָרט ניט אויסרעדען.

ז. װענדראָף.

— חי, חי, חי! — קײַכט זיך דער גאַנצער חדר.

— װאו האַלט מען? — שטעלט דער רבי אָן אויף איהם אַ פּאָר בײזע אויגען.

— ע־ע... כ'האָב פערגעסען...

— אַזוי, פערגעסען, פאַרװאָס פערגעסט דו ניט עסען אָנבײַסען?

— חי! — רופט זיך אָב דער חדר אויף דעם רבינ'ס חכמה.

זײַנער עלף קומט אַרײַן עטעל מיט'ן גרויסען טאָפּ אַרבעס. יעדער יונגעל קויפט פאַר אַ גראָשען אָדער פאַר אַ קאָפּיקע הײסען, צוקנאָטענעם אַרבעס, װאָס קומט אַרויס, װי אַ װײַכע קויל פון דאָס היצעלערנע מעסטעל, און ברײטהענדיג זיך, עסען זײ דעם הײסען אַרבעס, װאַרפענדיג איהם פון איין זײַט מויל צום צװײַטען.

מאָטעל קוקט צו, װי מען עסט און שלינגט די שפּײַכעך.

נאָר נאָך ערגער איז זײַנער איינס, װען שרה־פײַגע די טרענערין, רוקט זיך אַרײַן מיט איהרע צװײ קוישען, פול געפּאַקט מיט בולקעס, בײַגעל, קובענס, צוקערקעלעך און פרוכטען.

איינס אַ זײַגער איז שוין מאָטעל שטאַרק הונגעריג, און עס דריקט איהם אויף אין האַלז, צוקוקענדיג, װי חברה אינגלעך גיעבען זיך אַ לאָז צו די קוישען און קויפען װער אַ בולקע, װער אַ פּוטער־קוכען, װער אַ געפּרוירענעם עפּעל אָדער גאָר צוקערלעך...

— אפשר זאָל איך בעטען בײַ פײַשקע'ן אַ שטיקעל בולקע? — פאַלט איהם איין.

נאָר דערמאָהנענדיג זיך, אַז מען האָט איהם שוין איינמאָל אָנגערופען דערפאַר „בעטלער" און ער האָט דאַמאָלס דעם אינגעל די ליפּ צוריסען, — קעהרט ער זיך אָב אָן אַ זײַט, רוקט אַרײַן אַ פינגער אין מויל, און זויגט שװײַגענדיג...

מאָטעל.

האַלב דרײַ, מאַכט דער רבי צו דעם חומש און זאָגט קורץ:

– וואַרמעס!

חברה גיט זיך אַלאָ, ווי זיי וואָלטען זיך אַראָבגעריסען פון קייט. עס ווערט אַ שטופּעניש בײַ די אויבער־בגדים׳לעך און קאַלאָשען, און אין איין מינוט ווערט דער חדר לעדיג.

איין מאָטעל בלײַבט זיצען: אַהיים איז ווײַט, און קיין וואַרמעס קאָכט מען סײַ־ווי־סײַ ניט – געהט ער ניט בײַ טאָג אַהיים. שטיל נעהמט ער פון טיש־קעסטעל זײַן „מיט־זיך” – צוויי שטיקלעך שוואַרץ ברויט בעשמירט מיט סיראָפּ אָדער געניזען־שמאַלץ – און מאַטערט זיך עס צו עסען וואָס לאַנגזאַמער...

אָבער ווי לאַנג ער זאָל ניט עסען, בלײַבט ער אַלץ הונגעריג. רוקט ער זיך צו צום פענסטער, וואו עס וואַלגערען זיך שטיקלעך ברויט און בולקע, וואָס ס׳איז אויסגעבליבען פון די אינגלעך, און קוקענדיג בלומר׳שט גאָר אין דער צווייטער זײַט, טאַפּט ער אָן פון הינטען מיט׳ן האַנד אַ פּאָר שטיקלעך בולקע, גיט עס אַ רוק אין קעשענע, און זעצענדיג זיך אויף זײַן אָרט, נעהמט ער עס קײַען מיט אַזאַ פּנים, אַזוי ווי עס וואָלט איהם שוין אין האַלז ניט געקראָכען קײַן עסען, ניט מעהר למאַי זאָל געהן אין „ניוועץ”, וועט ער זיך בעסער צומאַטערען און אויפעסען...

ווען דער רבי בענשט אָב נאָכ׳ן עסען, נעהמט ער אַרײַן די באָרד אין מויל אַרײַן, שפּאַרט אונטער די מאָרדע אויפ׳ן האַנד, קוקט לאַנג אויף מאָטלען און פרעגט כמעט יעדען טאָג דאָס זעלביגע:

– געזאָגט דעם טאַטען, אַז דער רבי האָט נעבעטען צושיקען שכר־למוד?

– כ׳האָב... ע... כ׳האָב פערגעסען... – שטאַמעלט מאָטעל.

זאָגען דעם רבּי׳ן, אַז שוין דריי וואָכען, אַז ער האָט גאָר אויפגעהערט צו דערמאָהנען דעם טאַטען׳ן וועגען רבּי-געלד, שעמט ער זיך.

אָבער דער רבי פערשטעהט עס אַליין אויך, נאָר פונדעס-טוועגען ברומט׳ער צו:

— שוין צייט, שוין צייט!.. דערמאָהן דעם טאַטען׳ן, דער-מאָהן איהם...

די טעג, ווען מאָטעל איז ניט שטאַרק הונגעריג, ווילט זיך איהם גאָר אַהיים ניט געהן: אין חדר וועָרט אין אָוועָנד וואַרים, און אין דער היים איז דערפרוירען צו ווערען. נאָר אין די טעג, ווען דער „מיט-זיך" איז אַ קאַרגער, אָדער מען גיעט איהם גאָר ניט מיט צו עסען אין חדר, — קען ער זיך ניט דערוואַרטען, מען זאָל שוין געהן אַהיים.

נאָר ווען ער געהט אַרוים מיט די אינגלעך פון חדר, פאַלט איהם איין אַ ספק: טאָמער האָט מען היינט קיין וועטשערע ניט געקאָכט?..

און פעריתום׳ט און וויינענדיג קלינגט דאַמאָלס זיין קול׳כעל צווישען די איבעריגע פרעהליכע קינדערקול׳כלעך:

— ישע-יהו-הנ — ביא-יב-שר ל-נו, בשורות-טו-בות-ישו-עות-ונחמות... כאָטיא צי האָט מען היינט עפּעס געקאָכט...

און אַליין פון זיך נעהט ער איבער אויף אַ מעהר האַרצעדיג חדר-ליעדעל:

„ל-בי ובשרי, ל-בי ובשרי, ל-בי ובשרי ירננו כל חי... אוי ווי איך חלש עסען!...

און ווען ער צושיידט זיך אויפ׳ן ווינקעל גאַס מיט זיינע חברים, לאָזט ער זיך לויפען אַהיים, און מאַטערט זיך לויפענדיג

צו טרעפען, צי האָט מען הייַנט געקאָכט וועטשערע צי ניִין. אונטערען טהיר שטעלט ער זיך אָב און וואַרט: שלאָפען זיי - איז הייַנט ניִט געווען וואָס צו עסען, הערט ער זייערע קול־בליִך, וועט איהם משה׳קע בענעגענען מיִט אַ פרעהליִכען געזאַנג:

– מיִל נעגעסען וואַל־מעם, וואַל־מעם! פעלעל־גלויפען מיִט אַלבעם...

מאָטעל כאַפּט זיך צו צום קאַלטליִכען קרופּניִק, קלייַנוואַרג שטעהען אַרום איהם און נעהמען פון איהם די אויגען ניִט אַראָב. ער פערשטעהט, אַז זיי האָבען זיך דאָ ניִט איבערגעגעסען, טהיילט ער זיי אַיין צו לעפעל.

אָבגעגעסען, נעהמט מאָטעל אַראָב דעם בלעכענעם לעמפּעל פון וואַנד, שטעלט איהם אַוועק אויפ׳ן טיִש און נעהמט זיך לערנען „רוס״. פריִהער שרייַבט ער אַ בלעטעל פון ביִכעל אַרויס, דערנאָך נעהמט ער לערנען אַ „סטיִכאָטוואָרעניע״ אויסענוועניִג, אָבער חזר׳ן אויסוועניִג איז שווער: משה׳קע מיִט פייַגעלע ליִגען שוין אויף זייער בשותּפות׳דיִגען געלעגער און רייַסען זיך אַרום; די באָבע סקראָבעט דאָרטען מיִט אַ לעפעל אין פערטריִקענטען ציִמעס־טאָפּ; דאָס וויִגעלע סקריִפּעט – ניִט אויסצוהאַלטען... לעגט ער אַרייַן די פיִנגער אין די אויערען, שאָקעלט זיך פונאַנדער און נעהמט חזר׳ן אויפ׳ן קול:

„קרעסטיאַנסקיִע דיעטיִ.

קטאָ טשאַסטאָ איִך וויִדיעל, טאָט, ווערִיוּ יאַ, ליוּביִט קרעסטיאַנסקיִך דיעטייִע״...

אוי, ווי עס הוזשעט אין די אויערען...

„שצאַסטליִווי נאַראָד״... סע שטעכט אין די פיִנגער, אַ פּנים פּאַרט אָבגעפרויהרען אַפיִנגער...

„ני נאַאוקי, ניע ניעגי, ניע װעדאַיוט... ניע װעדאַיוט”... װאו קען דאָס איצט זײַן דער טאַטע? „װ׳דיעטסטװע אָני... אָ-ני”.

זײַן קאָפּ פאַלט אויפ׳ן ביכעל און ער שלאָפט אײַן...

— אײַ, אײַ, אײַ! אָט אַזױ חזר׳סט דו דאָס די אוראָקען! אַבי גאַזוע ברענען... נו, נו, גײה שױן שלאָפען... טהו זיך אויס און לעג זיך, מאָטעל... — הערט ער, װי פון שלאָף, דער באָבע׳ס קול.

— אוי, װי קק-אַ-אַלט!.. און מאָטעל ציהט אויף זיך דעם בגד.

הינטערען פאַראַװאַן הוסט דער טאַטע...

פייוקע און מענדקע.

I.

פייוקע, מאטע דעם קוימען־קעהרער׳ס, א קליין, דאר יונגעל אין גרויסע שטיוואלעס, שפיעלט א וואזשנע ראליע ניט נאר צווישען יונגלעך פון זיין גלייכען, נור אפילו צווישען בעל־הבתי׳שע קינדער, וואס פיהרען, געוועהנליך, מיט אנדערע „שלעפערשע" קינדער קיין חבר׳שאפט ניט.

ווער עס דארף א יון׳אישען קנאפ, א גוטען „געהער", א גע־שליפט גלעזעל, וואס מען זעהט אין איהר אלערליי קאליערען, א בלויע בריל, אפאפיערענע לאנטערנע מיט חלב אויסגעשמירט, א „פאטשער", א געניזען גערגעלע, „צו בלאזען שופר" און נאך אזעלכע סחורות, – נעהט צו פייוקע׳ן.

פייוקע פערקויפט זיין „סחורה" פאר גרייט געלד, פאר עסענוואַרג, בייט אוים אויף אנדערע סחורה, און טרייבט דעם געשעפט אויפ׳ן גרויסען אופן.

נאר רעכט גרוים ווערט זיין געשעפט פאר חנוכה.

זיינס אַ חנוכּה־דרעדעל, איז אַ שם־דבר, יונגלעך פון דער צעהנטער גאַס שפּאַרען צו איהם אָן קויפען אַ חנוכּה־דרעדעל.

און פּייווקע וויים די ווערט פון זיין סחורה, און לאָזט זיך ניט נאַרען.

איינמאָל, דעם פירטען טאָג חנוכּה צו מעריב, רופט איהם אָב אין בּית־המדרש אָן אַ זייט, מענדקע, ר׳ לייבוש פיינגאָלד׳ס בּן־יחיד׳ל, אַ פעט יונגעל מיט פּוכקע בּעקעלעך און גרויסע, תּמ׳עוואַטע אויגען, אין אַפיין גראַנאַט אַנצוגעל און אַ פּעלצען היטעלע, און גיעט שעמעוודיג, ניט־זיכער אַ פרעג:

– ס׳ט מיר פערקויפען?...

פּייווקע וויים, וואָס מענדקע מיינט: גיעט ער זיך אַ קראַץ אין דער צעפּליקט־פערלאַטעטער ווייבערשער קאָפּטע, מיט די פערקאַטשעטע אַרבּעל, גיעט אַ שנאָרך מיט דאָס רויט־אונטערגע־פוילט נעזעל, און שמייכלענדיג מיט די כּיטרע, הונגעריגע אויגלעך, ענטפערט ער מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיגקייט.

– אַלע פערקויפט... פאַר מיר אַליין איינער געבליבען...

– ווייז אַ קוק...

פּייווקע וויים, אַז אָט בּיי דעם יונגעלע, וועלכען די דיענסט טראָגט נאָך יעדען טאָג אַפּולען קיישעל עסענוואַרג, ווען ער געהט אין חדר, און קומט איהם אָבנעהמען פון חדר, – איז שטענדיג פאַרהאַן אַ בּייטעלע נייענקע קאָפּיקעס, בּלישצענדיגע גרעשעלעך און זילבּערנע צעהנערלעך... און זיין קעפּעל אַרבּייט געשווינד, ווי אַזוי ער זאָל בּיי איהם אַרויסקריגען וואָס מעהר פאַר זיין חנוכּה־דרעדעל.

– וואָס ס׳דו מיר געבען? – ענטפערט ער מיט אַ פראַגע, און גיעט שנעל אַ לעק די ליפּען מיט׳ן שפּיציג צינגעל.

— גיב אַ קוק, פריהער — לאָז זיך מענדקע ניט.

פײַװקע גרונטעװעט טיף אין בוזעם, שאַרט מיט'ן האַנד אַרום בויך, װאָס איז אַרומגעבונדען מיט אַ דיק שטריקעל, שלעפּט פון דאָרט אַרויס אַ שוהװאַקס פּושקעלע און גיט מיט איהר אַ טרײַסעל אין דער לופט. עס הערט זיך אַ באָמלערײַ פון עטװאָס האַרטעם אינװעהניג; פײַװקע קוקט אויף מענדקע'ן און לאָזט אַרויס אַ האַלב־שטאָלצען, האַלב־פרעגענדיגען:

— אָט!?...

מענדקע גלאָצט אויס זײַנע תמ'עװאַטע אויגען, דאָס פּלײַשיג, װײַך מײַלכעל בלײַבט נאָר נאַרישעװאַט־אָפען, און ער ציהט זיך צו דער פּושקעלע, װאָס פײַװקע טרײַסעלט איבער'ן קאָפּ:

— װײַז, װײַז, װײַז...

— כ'װיל ניט פערקויפען... כ'האָב מעהר ניט װי אײנעם... דאַרף אַלײן האָבען...

מענדקע מאַכט אַ גרימאַסע, גלײַך ער װאָלט זיך געקליבען װײנען, נאָר באַלד גיט ער זיך אַ חאַפּ צוריק:

— כ'װעל דיר געבען אַ קאָפּיקע...

— פיש־פּאַראַדע!.. — איז איהם פײַװקע מבטל.

— װעל איך דיר געבען פיער נײַע גרעשעלעך.

— אײַ, אײַ, אײַ!... פאַר אַזאַ „גאָר"!...

מענדקע װײס שױן גאָר ניט װאָס צו טהון, און כמעט װײנענדיג בעט ער זיך.

— װײַז כאָטש אַ קוק טהון...

פײַװקע נעהמט אַרויס דאָס בלײַענע חנוכה־דרײַדעל פון פּושקעלע, האַלט עס פאַר דאָס אויבערשטע שטעקעלע אין דער הויך, און בעריהמט זיך שוין זיכערער װי פריהער:

— אָ, זעהסט?...

— לאָז איהם געהן — בעט זיך מענדקע.

דאָס מאָל לאָזט זיך פּײַװקע ניט לאַנג בעטען, אַ װײַש געבענדיג מיט'ן אַרבעל איבער'ן שטענדער, גיעט ער אַלאָז דאָס דרעדעל, טרעט אָב איין שריט אַהינטער און די גאַנצע צײַט, װאָס דאָס דרעדעל דרעהט זיך, רעדט ער ניט אַ װאָרט... ער פיהרט נאָר איבער זײַנע קלײַנע אויגלעך פון דרעדעל צו מענדקע'ן און פון מענדקע'ן אויפ'ן דרעדעל...

מענדקע אָבער װערט אַ צוקאָכטער פונ'ם דרעדעל. שפּרינגענדיג פון איין פוס אויף דעם צװײַטען, בויגט ער זיך צום שטענדער, לויפט אַרום איהם, בעטראַכט דאָס בעװעגליכע דרעדעל פון אַלע זײַטען און שרײַעט מיט התפעלות:

— אײַ־אײַ־אײַ, װי ער דרעהט זיך... מע זעהט גאָר די אותיות ניט... װי אַ ניסעלע זעהט ער אויס... װי אַ רעדעלע!...

ער געהט אויפ'ן זײַט, אויפ'ן זײַט!...

און פּײַװקע רעדט קײַן װאָרט ניט, נעהמט דאָס דרעדעל צװישען צװיי פינגער, גיעט איהם מאָדנע קונציג אַ דרעה, און לאָזט איהם געהן קאַפּויר...

מענדקע איז אַ צופּלאַמטער.

— פערקויף מיר איהם, — בעט ער זיך.

— כ'װיל ניט... לאָמיר זיך בײַטען.

— אויף װאָס?

— גיעב מיר דײַן בײַטעלע... מיט די געלד...

— די גאַנצע בײַטעלע געלד? װאונדערט זיך מענדקע.

— װאָס סידו געמײַנט?...

בײַ מענדקע'ן הויבט זיך עס שוין אָן צו לעגען אויפ'ן שכל,

נאָר באַלד דערמאָהנט ער זיך!—

— די מאַמע וועט זיך בײַזערען...

פײַוועקע פערשטעהט אַלײַן אויך, אַז ער האָט צופיעל געבעטען. און ער לאָזט גלײַך אַראָב פון מקח.

— טו גיעב מיר דײַן מעסערעל... דעם פערלמוטערנען, מיט די צווײַ קלינגלעך... כ'האָב געזעהען...

דאָס האָט שוין מענדקע'ן אויסגעזעהען מעהר בײַם וועג: קײַנער וועט זיך ניט אַרומזעהען, אַז דאָס מעסערעל פעהלט איהם.

אײַלענדיג האָט ער גענומען זוכען אין די קעשענעס, פון וועלכע פײַוועקע האָט זײַנע לויפענדיגע אויגלעך ניט אַראָבגענומען.

כ'האָב איהם פערגעסען אין יענער קאַפאָטקע — האָט ער ערקלעהרט, איבערזוכענדיג אין אַלע קעשענעס.

און זײַן פנים האָט זיך אויסגעצויגען ניט ווענינער ווי פײַוועקע'ס.

— דאַרף מען ניט!...

אַ ווײַלע האָבען זײ אײנער דעם צווײטען שטיל אָנגעקוקט.

— ווײסט דו וואָס? — איז מענדקע מיט אַ מאָל לעבעדיג געוואָרען — קום צו אונז אַהײם, וועל איך דיר איהם אַרויסטראָגען...

פײַוועקע'ן איז קײַן נײַעס ניט געוועזען צו זיצען בײַ לײַבוש פײַנגאָלד אין קיך. ניט איין מאָל האָט ער געהאָלפען דער מאַמע זײַנער אַ קויש אײער אַהין אַוועקטראָגען, אַ פאָר קורטשאַקעס אָבגעבראַכט, און דער פלאַן איז איהם געפעלען.

— כ'ל וואַרטען אין קיך — האָט ער מסכים געווען — און דו וועסט מיר אַרויסטראָגען.

ז. װ ע נ ד ר אָ ף

II.

לײַבוש פײַנגאָלד, אַ אידישער יונגערמאַן מיט אַ רוהיג־צופריע־דען פּנים פון אַ יונגען גביר׳ל, װאָס איז זיכער אָבצוגעהמען אַמאָל אַ ירושה פון אַ רײַכען טאַטען און מיט אַ חלק אין שװער׳ס גרויסע געשעפטען, — האָט, שפּאַצירענדיג איבערין גרויסען עס־צימער, געמיטליך אָבגעזונגען דעם „הנרות הללו", און אָבשטעלענדיג זיך אין מיט׳ן גאַנג, גלאַט אין דער װעלט אַרײַן אַ זאָג געטהון:

— האָבען מיר שוין, הײַסט עס, גאָט צו דאַנקען חנוכּה.

— יאָ־יאָ!... — האָט דאָס װײַב זײַנע אָבגעזיפצט, מיט אַ זיפץ פון אַ מענשען, װאָס עסט און שלאָפט צופיעל...

— ס׳קעהר זיך אודאי אימיצער אַרײַנקומען הײַנט — מאַכט לײַבוש צום װײַב.

— אודאי!.. חנה׳לע מיט פײַװיש׳ן, לאה׳שע, די מוהמע שרה־פײַגע, „דײַנע" אידען...

— נו?...

— כ׳האָב געהײַסען לאַטקעס פּעראָשצענען... גריװען האָב איך פאַרטיג... פיש... װײַ מיר!... — האָט זיך װידער טיעף אָבגעזיפצט, און האָט מיט אירע קורצע פעטע הענד אונטער־געשפּאַרט איהר מנושמ׳דיג־הויכען בוזעם.

אין אַ װײַלע אַרום האָבען אָנגעהויבען קומען געסט.

ס׳איז געקומען חנה׳לע מיט פײַװיש׳ן, לאה׳שע, די מוהמע שרה־פײַגע, רחלה מיט די קינדער, „לײַבוש׳ס אידען"...

יעדערער איז אַרײַן מיט אַ אויסדרוק פון „אַ יום־טוב־ניט־יום־טוב" אויפ׳ן פּנים. גוטמוטהיג־צופריעדען געשמײַכעלט אי פון דעם, װאָס ס׳איז חנוכּה בײַ אידען, אי פון די װאַרימקײַט און

ליכטיגקײט אין גרױסען חדר, אי פון דער גוטער װעטשערע, װאָס איז פאַרגעשטאַנען צו עסען...

אָבגעגעבען דעם ברײטען „גוטן אָבענד“, און רײבענדיג אַהאַנד אָן אַהאַנד, איז יעדערער פון די מאַנסבילען צוגעגאַנגען צום קינסטליך־אױסגעאַרבײטען זילבערנעם חנוכה־לאָמפּ, אַרױס־געזאָגט זײן מבינות, געשאַצט עס...

— מינאַ! װאָס װעט מען רײבען די צײט? נימיר גאַר שפּיע־לען אַשאָך — האָט לײבוש אַזאָג געטהון אין דער זײט פון די מאַנסביל.

— אַשאָך, איז אַשאָך.. דערױף האָבען מיר דאָך הײנט חנוכּה בײ אידען — האָט זיך אָבגערופען אײנער פון די מאַנסביל, אָן װעמעס פערברױנטע באַקען מען האָט גלײך געקענט דערקע־נען אַװאַלד־סוחר.

אין אַפּאָר מינוט אַרום איז שױן לײבוש, אין אַן׳אַכט־קאַנטיגע זײדענע יאַרמולקע, מיט דעם װאַלד־סוחר, די היטעל פערוקט שטאַרק אַהינטער, — געזעסען בײם טיש, פערטיעפט אין אַשאָך.

לײבוש האָט געלאָסען געבאַראַבאַנעט מיט די פינגער איבער׳ן טיש און די גאַנצע צײט מיט אַהאָפּקע־ניגון געזונגען:

— מיט׳ן ראָך, מיט׳ן ראָך, מיט׳ן ראָך... אין בין אַרײן, אין בין אַרײן, דער מלכּה אין בײן אַרײ־אַרײן...

און זײן שותּף האָט איהם מיט׳ן זעלבען ניגון און טאָן געענטפערט:

— אַדרבא, אַדרבא, אַדרבא... װײז טאָקי װאָס דו קענסט... אַדרבא...

הינטער לײבושים שטול איז געשטאַנען זײן „נאמן“, אַאיד מיט אַהדרת פּנים, און פון צײט צו צײט

אָבגעוואָרפען אין דער וועלט אַרײַן.

– לערענט מיט איהם בלק, לערענט איהם...

און בעת מעשה געקוקט דעם וואַלד=סוחר אין די אויגען אַרײַן, גלײַך ער וואָלט זאָגען: – דאָס מײַן איך, איהר זאָלט מיט איהם, מיט'ן חזיר'שען בעל=הבית מײַנעם, לערנען בלק...

און דער בעל=הבית האָט זינגענדיג געענטפערט:

– איך וועל איהם שוין, איך וועל מיט איהם שוין בלק לערנען...

אויסער די שאך=שפּיעלער זענען אַרום טיש געזעסען עטליכע אידען, געטרונקען טהע און געשמועסט עסק. בײַם זעלבען טיש, נאָר ווי אָבגעזונדערט, זענען געזעסען דרײַ בעגופ'טע ווײַבער מיט האַלב=יום=טוב'דיגע פּנים'ער, און שטיל בערעדט לײַטען... חנה פּעסיע, לײַבוש'עס ווײַב, איז אַלע ווײַלע פערשוואונדען אין קיך, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דאָס שיפּען פון פּוטער אויף אַ הײַסער סקאָווראָדע און ס'האָט זיך געטראָגען דער ריח פון פרישגעבאַקענע ווײַצענע לאַטקעס.

דער שאָך=שפּיעל האָט דערגרײַכט צו אַ קריזיס. אַלע מאַנסבּיל זענען געשטאַנען און געלעגען אָנגעשפּאַרט אָן טיש אַרום די שפּיעלער און נעפּילפּול'ט זיך, געגעבען עצות, אַרויסגעזאָגט סברות ווער וועמען עס וועט „צוטראַסקען אויף שפּענדלעך"; די ווײַבער האָבען, אוים דרך=ארץ פאַר די מאַנסבּילשע חריפות, גערעדט שטיל, אָבער אַלע מיט אַמאָל, און אין סאַליע האָט געהוזעט, ווי אין אַ בינשטאָק. און גראָד דאַמאָלס, ווען דער וואַלד=סוחר האָט געהאַלטען בײַ צושטיקען לײַבוש'עס קעניג אין אַ ווינקעל, ער זאָל זיך מוזען אונטערגעבען, – האָט זיך מענדקע אַרײַנגעריסען אין צימער און געוואָלט לויפען גלײַך צום טיש

קעסטעל, װאו ס'איז געלעגען זײַן מעסערעל.

דערזעהן דעם פעטער פײַװיש, די מומע שרה־פײַגע און סתם אזוי פיעל פרעמדע „פעטערס", — האט ער פערגעסען אן זײַן מסחור, אן „גאר" און אן פײַװקען, װאס ער האט געלאזען אין קיך װארטען, און איז צוגעלאפען גלײַך צום טאטען, גענומען צופען איהם פאר די קנעפ פון קאפאטע און בעטען:

— טאטעשי, גיע'מיר חנוכה־געלד... ס'פינפטע לעכטעל הײַנט — חנוכה־געלד...

אנ'אנדערש מאל װאלט לײַבוש מכבד געװען מענדקע'ן פאר איבערשלאגען איהם אין מיט'ן שפיעל, נור איצט, װען ער איז געװען אין גרױס סכנה צו פערשפיעלען, איז איהם דוקא געפעלען געװארען, װאס זײַן בן־יחיד'ל האט זיך דא ארײַנגעמישט.

און אראפקוקענדיג מיט זײַנע רוהיג־בנעימות'דיגע אױגען אױף דאס קינד'ס קעפעל אראב, האט ער אנגענומען זײַן פוכקע בעקעל צװישען צװײ װײַסע גלאטע פינגער, און געלאסען געזאגט:

— גערעכט, גערעכט, מענדיש, דיר קומט חנוכה־געלד...
זאלסט אבער זײַן א מענש... פאלגען טאטע־מאמע, פאלגען דעם רבי...

— טו גיע' מיר חנוכה־געלד... יא, יא, כ'װעל שױן פאלגען...

שמײכלענדיג האט לײַבוש ארױסגענומען א נײַ, זילבערנעם רובל פון בײַטעלע, און מיט א מאך מיט'ן האנד פון אױבען אראב, איבערגעגעבען מענדקע'ן!

— נא!...

מענדקע האט א ריס געטהון דעם רובל בײַ'ם טאטען פון האנד, און אין אײן רגע איז ער געשטאנען נעבען דער מאמע'ן:

— גיע' מיר חנוכה־געלד, מאמעשי...

ז. װעַנדראָף.

דער טאַטע האָט אויסגעשאָסען מיט אַ, גליקליכען געלעכטער.

– אײ־אײ־אײ, װאָס'ר אַנ'עכברוש דאָס איז?... האָסטו געזעהן?.. כאַפּט אַרױס בײַ מיר פון האַנד און שױן בײַ דער מאַמען... אַ אָך להעשיר... מינאַ!

און אין זײַן שטימע האָט זיך געהערט אַ מאָדנע הנאה, װאָס זײַן זוהן איז אַזאַ געשיקט אינגעל.

מענדקע איז געגאַנגען פון איינעם צו צװײטען און געמאָהנט.

– חנוכּה־געלד, פעטערשי, חנוכּה־געלד, מומעשי...

די געסט האָבען געגעבען זילבער־מטבעות... און געשמײכעלט צו טאַטע־מאַמע...

– מענדקע, מענדעל! – האָט זיך לײבוש פון צײַט צו צײַט גלײַכגילטיג געבײזערט, – קריך ניט אין די אויגען.

מענדקע האָט זיך אָבער ניט װיסענדיג געמאַכט און װײַטער געמאָהנט בײַ יעדערען:

– חנוכּה־געלד...

– אײ, פּאַװאָלי, מײַן פּוס!... האָט זיך איינערפון לײַבוש'עס אידען" אַ כאַפּ געטהון.

– מענדיש, דו הערסט אויף צו ניט?! – האָט זיך לײבוש רעכט צובײזערט – װאָס װאָיעװעסט דו דאָרטען, האַ?!

– כ'װיל חנוכּה־געלד! – האָט זיך מענדקע אָנגעבלאָזען.

– כ'װעל דיר געבען באַלד חנוכּה־געלד!

– כ'האָב דיך פײַנד!...

– מענדיל! כ'נעהם דעם פּאַסעק!

– כ'האָב דיך פײַנד, װי אַ חזיר, נו!...

– אַ, דו שײַגעץ איינער! לאָז מיך נאָר צו איהם!

און לײבוש האָט זיך אַ לאָז געטהון צו מענדקען. נאָר אין

דער זעלבער מינוט האָט זיך די מאַמע אַראָפּגעקײַקעלט פון שטוהל, צוגעלאָפען צו איהר בן־יחיד׳ל, און מיט מאַטערניס אומ־דרעהענדיג דעם קאָפּ אויפ׳ן קורצען האַלז, האָט זי גלאָצענדיג מיט די גלעזערנע אויגען געבײַזערט זיך אויפ׳ן מאַן:

— וואָס האָסטו זיך אָנגעטהון אין קינד, וואָס? שאַ, שאַ, מענדעלע, גאָלד מײַנס, קדיש מײַנס! וויין ניט... נאַ דיר חנוכּה־געלד...

ווי עס איז בערוהיגט מיט אַ זילבערנעם רובּל איהר תּכשיט, — האָט זיך חנה־פּעסיע אַ כאַפּ געטהון:

— ווײַ מיר ניט געשעהן! כ׳האָב מיך גאָר פערגעסען אָן די פיש!.. די סטויפּעוואַטע מויד האָט מיר דאָרטען שוין געווים די פיש פערברענט און די לאַטקעס איבערגעפּיהרט...

און קוליענדיג זיך פון איין זײַט אויפ׳ן צווייטען, ווי אַנ׳ענ־טעל, האָט זי זיך אַרויסגעקײַקעלט מיט איהרע דראָבנע טריטע־לעך פון צימער.

אַרײַנגעלאָפען אַ פערסאָפּעטע אין קיך, און גלײַך בײַם טהיר זיך צוריק געהאַלטען

אַ קליין נפש׳ל אין גרויסע שטיוועל, אין אַ ווײַבערשער וואַטאָווע־קאָפּטע מיט פערקאַטשעטע אַרבּעל און אין אַ היטעל איבער די אויגען, — איז געשטאַנען אין מיטען קיך. און מיט נײַגע־ריגע, גײַציג־הונגעריגע אויגען געקוקט, דאָס דורך דער האַלב־אָפענער קיך־טהיר אין עס צימער אַרײַן, און דאָס אויף דער ברענענדיגער פּליטע, וואו שיפּענדיג און טרעסקענדיג האָבען זיך געבּאַקט לאַטקעס... יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט אַ קוק טהאָן אויף דער פּליטע, פלעגען זיך איהם צושפּרייטען די נאָז לעכער פון דאָס רויט נעזעל, און דער דין־שפּיציג ציִנגעל פלעגט זיך

בעוויזען אויף די טרוקענע ליפען...

– וואס איז דאס?.. ווער איז דאס?.. האט חנה־פעסיע. האלב־דערשראקען געמורמעלט, – וואס דארפסטו יונגעלע? – האט זי פון וויטען שטעהענדיג א פרעג געטהאן.

– ס'איז צירעל קורעלאפניצעס יונגעל, – האט זיך די דיענסט אבגערופען, ניט אבקערענדיג זיך פון דער פליטע.

– א, צירעל'ס אינגעל... וואס ווילסטו יונגעלע? די מאמע האט דיך געשיקט?.. כ'האב נארניט בעשטעלט ביי דער מאמען...

פייוקע האט זיך געפיהלט, ווי מען וואלט איהם געכאפט ביי א גנבה.

אריינרוקענדיג א פינגער אין נאז אריין איז ער געשטאנען די אויגען צו דער ערד אראבגעלאזען און מיט דער צווייטער האנד געקראצט דעם קאפ, דורך דער גרויסער היטעל...

– זאג, וואס האסט דו מורא? – האט חנה־פעסיע גערעדט שטעהענדיג פון וויטען – אפשר וויל ער עסען? – האט זי א פרעג געטהאן דער דיענסט.

דערהערט „עסען", האט פייוקע א שנארכע געטאן מיט'ן נאז, שנעל, פון אונטער דער גרויסער היטעל, א פיהר געטהאן מיט די הונגעריג־צושראקענע אויגלעך איבער דער פיראמידע לאטקעס אויפ'ן טעלער, וואס איז געשטאנען אויפ'ן פליטע, און גלייך צוריק אריינגעגראבען די אויגען אין דער פאדלאגע.

– זאג יונגעלע, ווי רופט מען דיך? ווילסט עסען?

און חנה־פעסיע איז צו איהם צוגעגאנגען, און געוואלט מיט איין פינגער אויפהויבען איהם אונטערן גאמבעל.

דערזעהן די גביר'טע צוגעהענדיג צו איהם מיט א גוטען שמייכעל אויפ'ן פנים און מיט א פינגער אויסגעשטרעקט פאראויס,

פיװקע און מענדקע.

װי זי װאָלט איהם געװאָלט אַ קיצעל טהאָן, — האָט זיך פײװקע גענומען רוקען הינטערװײלעכטס, װי ער װאָלט געװאָלט אויס־מײדען אַ געפאַהר.

אַ פּנים, אַז זי װײס ניט, אַז ער איז אַהער געקומען אויס נאַרען בײ מענדקע׳ן זײן מעסערעל. זי איז גאָר ניט אין כעס... טו װאָס־זשע װיל זי?... זי װעט איהם אפשר אויפהויבען אויף די הענד, אָדער גאָר אַ קוש טהאָן... בײ די גבירים טהוט מען דאָס... ער האָט אַלײן געזעהען, װען ער האָט אונטערגעטראָגען דער מאַמע׳ס אַ קײש... ער װאָלט זיך געשעמט מען זאָל איהם קושען...

און װי עס װאָלטען אויף איהם אָנגעפאַלען אַ גאַנצע חברה שקצים, — האָט ער גענומען װאַרפען מיט די ברענענדיגע אויגלעך רעכטס, און לינקס, אַ קעהר געטהאָן זיך צום גאַס טהיר, און אײדער חנה־פּעסיע האָט נאָך צײט געהאַט אַ שריט צו מאַכען, איז ער שוין געװען אין דרויסען...